STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06152

MIT LIKHTIKE OYGN

Yosl Bukhbinder

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יאָכל בוכבינדער

מיט ליכטיקע אויגן

לידער

מאָסקווע — 1975 פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

С(Евр)2
Б 94

דער אווטאָר פון אָט דעם לידער־בוך יאָסל בוכבינדער איז געבוירן געוואָרן אין טשערניכאָוו (זשיטאָמירער געגנט) אין יאָר 1908. די ערשטע לידער האָט ער פובליקירט אין 1927 יאָר און האָט זיך ארויסגעוויזן אלס א דיכטער א ליריקער מיט אן אייגנ־ארטיקן סטיל און מיט א שארפן געפיל פון הײַנטצײַטיקײַט.

בוכבינדערס לידער־זאמלונגען אף יידיש („קאָמאנדיר סיזאָוו", 1936; „לירישע מאָטיוון", 1940) און אין דער איבערזעצונג אף רוסיש („דער לעצטער שניי" — «Последний снег», 1964) האָבן אים אוועקגעשטעלט צווישן די באדײַטנדיקע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער דיכטונג.

די איצטיקע זאמלונג „מיט ליכטיקע אויגן" קאָן מען באטראכטן ווי א באשטימטן סאכאקל פונעם דיכטערס שאפן אין פארלויף פון קימאט א האלבן יאָרהונדערט. דאָס איז א בוך פון לירישער הישטאפכעס־האנעפעש און כעזשבן־האנעפעש און צוזאמען דערמיט — א דיכטערישע באזיניקונג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין שײַן פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון אונדזער רעוואָליוציע (דער בירגערקריג, די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע אאוו.)

© *Издательство «Советский писатель», 1975 г.*

Б $\frac{70403-365}{083(02)-75}$ 266—75



I

אייגן לײַב און בלוט

דער וועג צום לעבן

באם ראנד פונעם וואלד מײַן הויקערדיק שטיבל
פלעג שטיין, ווי פארשעמט, פון די הײַזער פארטריבן.
צעווייקטע פון רעגנס, די שינדלען פון דאך
באוואָקסן מיט מאָכן פון וואָכן א סאך.
צוויי פענצטערלעך קליינע, די גרויס פון מײַן אויג,
פארזונקען אין אומעט, אין שטילקײַט פארנויגט.
א קאלטע לעוואָנע מיט ציכטיקער שײַן
די איינציקע ליכט אין מײַן שטיבל פלעג זײַן.
ווי א בלעטל א געלס אין כמאריקן הארבסט,
אזוי האָט אין אומעט געוויאנעט מײַן הארץ.
און לאנג פלעג איך קוקן אין הימלשן וועג
נאָך טשאטעס פון פויגלען, וואָס פליִען אוועק,
און טראָגן אין מײַלער א שטילן געזאנג,
ווי איך אין מײַן הארצן א שטילן פארלאנג.
באם ראנד פונעם וואלד מײַן הויקערדיק שטיבל,
דער הונגער פלעג שטענדיק פארוויגן מײַן וויגל.
און שטיל פלעג מײַן מאמע מיר זינגען א ליד
וועגן זיידן דעם פורמאן, דעם פריילעכן ייִד,
וואָס פלעג מיט א בורקע אין גארטל אין גרינעם
זיך לאָזן אין וועג מיט דער זון אין באגינען.
פון שלעפן די דעמבעס אין פריצישן וואלד
זײַן קאָפּ איז געוואָרן אי מאָכיק, אי אלט.
באם ראנד פונעם וואלד מײַן הויקערדיק שטיבל
פלעג שטיין, ווי פארשעמט, פון די הײַזער פארטריבן,

און אלע קאיאָר איבער טויזקן פעלד
איך לויף מיט מײַן מאמען און ציטער פאר קעלט.
ביז אָוונט ביז שפעטן מיר רײַסן די האָפּן,
פארכאלעשט פון הונגער, אָן וואסער א טראָפּן.
די הויט מײַנע שיילט זיך אראָפּ פון די הענט,
ווי טרוקענע קאָרע, וואָס שיילט זיך פון דעמב.
און איך פיל אזא מידקײַט אין הארץ און אין גוף,
און שטיל כ׳בין מעקאנע דער זון, וואָס גייט אוף.
דער גוויר קומט פארנאכט אף זײַן בריטשקע צו פאָרן,
באטראכטן די האָפּן, די פעלדער מיט קאָרן.
און טאָמער א בלעטל אף דר׳ערד איז געבליבן,
האָט ער מיר באפוילן, און איך האָב געקליבן.
ער האָט מיט זײַן שטעקן די בלעטער צעשארט,
איך האָב, ווי די הארבסטיקע בלעטער, געדארט.
כ׳האָב קינדוויַיז געמיינט, אז צו אופגאנג פון גליק
געפינט זיך א טײַך, וואָס פארמאָגט ניט קיין בריק.
נאָר יאָרן פארגייען, פארשווינדן, ווי רויך,
און איך האָב מײַנע אויגן געווענדט צו דער הויך.
א קינד כ׳בין געוועזן אין יאָרן פון קריג,
נאָר איך האָב אין פלאמען דערזעען מײַן גליק.
מיט דאָרשטיקע אויגן געקוקט כ׳האָב אין שויב,
ווי ס׳הייבט זיך אף שליאכן פון רײַטער דער שטויב.
צום ראנד פונעם וואלד, צו מײַן הויקערדיק שטיבל
איז א רײַטער געקומען אף זוניקע פליגל.
א רײַטער א שטאָלצער, זײַן פײַערדיק פערד
עס האָט מיט די טלאָען געטאָפּטשעט די ערד.
ווײַס איז זײַן פערד, ווי דער זויבערער שניי,
שטאָלץ איז דער רײַטער פון רויטער ארמיי.
אין פלאמען פון שלאכט האָט זײַן פאָנעם געשײַנט,
אין שמייכלען פון אויגן דערזען כ׳האָב א פרײַנט.
איך האָב אף זײַן אָנקום געווארט ניט איין נאכט,
ער האָט אף זײַן שווערד מיר מײַן לעבן געבראכט.
און שטיל האָט געפרייט זיך מײַן קינדערש געמיט,
ווען איך האָב דעם רײַטער פארפירט צו דעם שמיד.

דער שמיד האָט פּידקאָוועס צו טלאָען געשמידט,
און איך האָב דאָס פײַער פון האָרניע צעגליט.
און איך האָב דאָס פײַער אלץ שטארקער צעבלאָזן,
אז גיך זאָל דער רײַטער אין שלאכטן זיך לאָזן.
דער רײַטער איז ווידער אין שלאכטן אוועק,
און לאנג כ׳האָב געקוקט אפן שטויביקן וועג.
א שטויביקער וועג און א שטיינערנער שליאך,
ווי גוט איז דעם רײַטער, וואָס לאָזט זיך אין ·שלאכט.
א קינד כ׳בין געוועזן אין יאָרן פון קריג,
נאָר איך האָב אין פלאמען דערזעען מײַן גליק.
די יאָרן פארגייען, כ׳בין עלטער געוואָרן,
און אלץ איז געענדערט, אפסנײַ דאָ געבאָרן.
און אנדערש זעט אויסעט מײַן היימלאנד, מײַן היים,
אין פרייד איז פארגאנגען מײַן קינדערש געוויין.
ווי שיין איז מײַן היימלאנד אין העלן באגינען,
אָט דאָ האָב איך קינדווײַז א וועג זיך געפונען.
ער האָט צו דעם לעבן מײַן לעבן געפירט,
צו שעטעכן גרינע מיט בלומען באצירט.
כ׳האָב ליב אָט די ראכוועס, די פעלדער די גרינע,
די ווארעמע נעכט פון מײַן היים אוקראַינע,
ווו געבליט האָט מײַן יוגנט מיט שענסטע באגערן.
און אונטער די הימלען צעצינדן זיך שטערן.
נאָר איך פיל אין דער שטילקײַט אן אומרו א גרויסן,
א גרויזאמער שטורעם צערודערט דעם דרויסן.
דאן דוכט זיך מיר אויס, אז איך שטיי אפן שליאך
און זע נאָך דעם רײַטער, וואָס לאָזט זיך אין שלאכט.

מײַן זיידע האָט געגלייבט

געגלייבט האָט מײַן זיידע, אז ס'זײַנען צוויי וועלטן פאראנען:
איינע געפינט זיך אָט דאָ, די צווייטע איז ווײַטלעך פונדאנען.
אָט דאָרטן, אין ליכטיקע הימלען, אָט דאָרט איז די עמעסע וועלט,
פאר זינדיקע מענטשן עס זײַנען די וועגן אהינצו פארשטעלט...
אָט דאָרטן, אין ליכטיקע הימלען, אין גאָלדענער רו פון גאניידן,
אָט דאָרט, לעבן שטילע מאלאָכים, אזוי האָט געדוכט זיך מײַן זיידן.
און יאָרנווײַז לאנג האָט מײַן זיידע זײַן לעבן מיט מיצוועס געענערט,
מעכאדעש געווען די לעוואָנע, די לויטערע קלאָרקײַט פון נעכט.
אויך מיר איז שטילקײַט געפעלן, דעם ליכטיקן הימל כ'האָב ליב,
די שטערן אין זילבערנע מאנטלען, וואָס אײַלן מיט פלאמיקע טריט.
נאָר אלץ, וואָס איך זע מיט די אויגן, איז פּאָשעטע עמעסע וואָר.
די שיינקײַט די גרעסטע אין לעבן איז אלץ, וואָס איז ערדיש און קלאָר.

* * *

אז קיינער זאָל מײַן שלאָף ניט צעשטערן אין וויגל,
פלעג די מאמע מײַנע אויסשפּרייטן א לײַלעכל פון אויבן,
און מיט אן אײַנגעשטילטן מורמלענדיקן ניגן
אײַנוויגן דעם שלאָף אין מײַנע אויגן.
נאָר מיט הענטעלעך מיט קינדערשע פּארצאַפּלט,
האָב איך דאָס לײַלעכל פון זיך אראָפּגעצויגן,
מיט די נעגל כ׳האָב די פינצטערניש צעדראַפּעט,
פאר פארדראָס האָב איך די ברוסט שוין ניט געזויגן,
ווײַל זי פארשטעלט האָט מיר די שײַן פאר מײַנע אויגן,
ווען מײַן הארץ האָט זיך צו ליכטיקײַט געצויגן.

מיר דארפֿן ווײַט נאָך פֿאָרן

מײַן טאַטן דעם סטעלמאַך

פֿון יונגער הייך קוקט שטיל מײַן טאָג אַראָפּ
און קאָן פֿאַר פֿרייד איצט קיינעם גאָרניט זאָגן,
ווי אַן אָדלער, טראָג איך שטאָלץ אַרום מײַן קאָפּ,
ער זאָל קיין ווייַ און בענקשאַפֿט מער ניט טראָגן.
ס׳וועט מײַן טאַטע מער ניט קוקן הײַנט אין שויב
און מיט האַס פֿאַרשעלטן אָט דעם דרויסן.
אָן פֿליגלען פֿליט מײַן טאָג איצט, ווי אַ טויב,
איבער ווײַטן, איבער פֿעלד דעם גרויסן.
ס׳איז קיין שניי ניטאָ, וועט שוין אַרבעט זײַן,
רעדער מאַכן וועסט צו יעדן אַלטן וואָגן,
זע נאָר קלאַפּ די שפּיצעס פֿעסט אַרײַן,
מיר דאַרפֿן, טאַטע, אַזוי ווײַט זיך טראָגן.
ניט יעדער וועג איז נאָך ברוקירט מיט שטיין,
אין האַרטן סטעפּ וועסט נאָך אַ ראָד צעברעכן,
ביסט געפֿאַלן, הייב זיך אויף און גיי,
און שטילער ווייַ זאָל ניט דעם קאָפּ צעשטערן.
זע נאָר קלאַפּ די שפּיצעס פֿעסט אַרײַן,
מיר דאַרפֿן, טאַטע, אַזוי ווײַט נאָך פֿאָרן,
די זון וועט שטענדיק מײַן באַגלייטער זײַן
און העל באַלײַכטן מיר מײַן וועג מײַן קלאָרן.

איך הער אים

איך הער אים, דײַן ניגון, דײַן שטילן,
מײַן קינדהײַט דערמאָנט ער מיר איצט,
כ׳וויל ווידער די קינדהײַט דערפילן,
דעם אופגאַנג פון פרײַע געפילן,
וואָס זײַנען אין לעבן פארשוווּנדן,
אזוי ווי דער בלענד פון א בליץ.

זינג אויס אים, און איך וועל דערהערן
פון קינדהײַט מײַן זאָרגלאָזן וועג,
באַנאַכט פלעג איך ציילן די שטערן
און וויינען מיט קינדערשע טרערן,
פארוואָס האָט דער הימל קיין ברעג.

זינג אויס מיר דערמאָנונג־געזאנגען,
פון אלץ, וואָס עס רירט און עס רופט,
פון קינדהײַט די שענסטע פארלאנגען,
וואָס זײַנען ווי שנייען צעגאנגען,
ווען ס׳שמעקט שוין מיט פרילינג די לופט.

כ׳האָב שטיל מײַנע פריידן געטראָגן,
ווי גאָלדענע אוצרעס געטרײַ,
ווײַל קינדהײַט איז אָנהייב פון טאָגן,
דער אופגאַנג פון שענסטע פארטאָגן,
דער אָנהייב פון עמעסן מײַ.

איך דערמאָן זיך

צו דיר, מײַן פרײַנט, איז איצט מײַן ליד געווענדט,
מײַן שטיל געזאנג פון א פארלאָשן לעבן,
מיר האָט א בענקשאפט הײַנט דאָס הארץ פארקלעמט,
א דערמאָנונג האָט גענומען מיך דערוועקן.
וועגן כורבן פון מײַן היים און פון מײַן הויז,
וואָס האָט געסטארטשעט, ווי א שטענגל אָן א רויז.
צעטראָגן האָט א ווינט די בלעטער בייסן וואקסן,
ווי די קינדהײַט פון מײַן פאָטער, איז זי אומגעקומען שווער,
זײַן לעבן, ווי א רעדל, א פארלוירנס פון די אקסן,
איז געבליבן אף די וועגן, ווי א קײַלעכדיקע טרער.
אָט פונדאנען הייבט זיך אָנעט דאָס געזאנג
פון א לעבן א פארלאָשנס, ווי א זוניקער פארגאנג.
פונדאנען הייבט זיך אָן איצט די געשיכטע
פון מײַן פאָטער, וואָס האָט אָפּגעהאָרעוועט שווער.
אין די וועלדער אין וואָלינער אין געדיכטע
האָט ער דעמבעס אָנגעהאקט וואָס מער.
ער זאָל וועגענער פאר די פּויערים פארגרייטן,
ארײַנצופירן זאטקײַט אין די טויקן.
געהאָרעוועט האָט מײַן טאטע טאָג ווי נאכט,
אָנגעטעסעט גאנצע בערג מיט שפּענער,
זײַנע יאָגנדיקע רעדער אפן שליאך
האָבן אויסגעקלונגען ווונדערלעכע טענער.
פרעגן איצט די וועגן אינעם קאנט —
ווו זײַנען זיי די אויסגעשניצטע רעדער?

פרײַנט מײַנער פון היימלאנד, הער מיך אויס,
כ׳וועל קיין טרערן איצט ניט אויסגיסן פון אויג,
איך בין א יאם מיט ניט קיין אויסגעשעפטן ברויז,
פאר א שטורעם כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט פארנויגט.
מיך האָט אויסגעכאָוועט מאטערניש און מי,
וועל איך ניט פאלן פאר צאָרן אף די קני.
אף די פעלדער אף וואָלינער שפאן איך אום,
צווישן בלויקײַט פון א וווּנדערלעכן קאנט.
ווי א זינגער א געטרײַער וועט דײַן זון
צונויפשארן די טרערן אינעם זאמד.
און אויסשניצן די שפיצעס וועל איך שיין,
אלע רעדער כ׳וועל פאריכטן איצט אליין.
צו דיר, מײַן פרײַנט, געווענדעט איז מײַן ליד,
וועגן אומקום פון מײַן טאטן אינעם וואלד,
ווען דער דײַטש האָט אים דערמאָרדעט אלס א ייִד,
האָט אף צווײַגן זיך צעוויינט דאָרטן די שוואלב.
פאר זײַן לעבן האָט ער אויסגעהאקט א וואלד,
איז פארבליבן צווישן וועלדער זײַן געשטאלט.
פרײַנט מײַנער פון היימלאנד, הער מיך אויס,
אף די וועגן כ׳האָב געפונען זײַן געביין,
פארפלאנצן אף זײַן קייווער וועל איך רויזן,
און פון דעמבעס וועל איך אויסהאקן א שטיין.
א דענקמאָל כ׳וועל מײַן טאטן אין זײַן היים
שטעלן זײַן צעוואלגערטן געביין.
כ׳בין געקומען ווי א זינגער פון דער מי,
וועל איך ניט פאלן פארן צאָרן אף די קני.

מײַן שכײנע דערציילט

גאנצפרי האָט מײַן מאמע געבראכט א קריגעלע הירזש פאר די הענער,
אָט דאָ, ווּ זיי האָבן גענעכטיקט אין זאסעק אף די שפּענער.
צעשאָטן די הירזשענע גרויפּן זי האָט אין די קאָרעטקעס קליינע,
און ס׳האָבן די אייפעלעך אײַליק געפּיקט אָט די הירזשן די ריינע.
פארפולט אויך די שערבלעך מיט וואסער, דעם דאָרשט פון די הינדעלעך
שטילן.
דערנאָך האָט מײַן מאמע אין פארטעך די קליינינקע שפּענדלעך געקליבן,
אז ביז ס׳וועלן אופשטיין די קינדער, אָפּקאָכן זי זאָל אין אויוון
א שיטערע יושקע פאר אלע, פארשאָטן מיט הירזשענע גרויפּן.
נאָר פלוצעם א ווייטעק א שווערער ט׳גענומען דעם בויך אירן קלעמען,
צו קינד האָט זי אָנגעהויבן גיין, און ווער וועט דאָס קינד בא איר נעמען?
האָט זי איר פארטעך מיט שפּענדלעך צעשפּרייט, זיך געמאכט א געלעגער
און געבוירן א ייִדישן דיכטער אָט דאָ, אף די דעמבענע שפּענער.
טראָג איך פון קינדווײַז די שפּענדלעך, וואָס זײַנען מיר נאָענט און טײַער,
אז ברענען זאָל שטענדיק אין הארצן צעבלאָזענער פײַער.

ניט קיין נאכטלעגער

ניט קיין נאכטלעגער איז עפּעס א פרעמדער אכסאניע
בין איך געקומען בעטן א געלעגער פאר זיך,
ניטאָ אזא יישעוו, וואָס זאָל מיך ניט קענען,
ניטאָ אזא וועג אף דײַן ערד, אוקראַינע,
אף וועלכן איך בין ניט געגאנגען
אי בארוועסערהייט, אי אָפּט מיט פארלאטעטע שיך.
און כאָטש ס׳האָבן סטערניעס געשטאָכן די פיס, ווי מיט נאָדלען,
און ווי געטאָן האָבן די פּיאטעס פון דער צעטראסקעטער הויט,
און כאָטש ס׳האָבן רעגנס ניט איין מאָל אין וועג מיך באמאבלט,
באשאָטן מיט האָגלען,
צעבייזערטע ווינטן לעם טײַכן זיי האָבן דעם קאָפּ
ווי א ווערבע פארנויגט,
דאָך האָב איך אין הארצן געטראָגן א לויטערן הימל,
וואָס איך האָב אליין אים מיט אייגענע שטערן געבויט.
הענגען שטערן ביז איצט איבער וועגן און לויכטן,
אזוי ווי די פּיטערער נעכט יענע ווײַסע,
וואָס וועבן דאָרט אויס א פארקישעפּטע מײַסע
פאר הערצער, וואָס זײַנען אין לעבן פארליבט.
איז ווער קומט עס זאָגן, כ׳זאָל נעמען מײַן האָב
און מײַן גוטס אף די אקסלען,
וואָס איך האָב דעראָבערט מיט שווערער האָרעוואניע,
און טראָגן צו ווענען די פרוכטן פון גליק?
ניט קיין נאכטלעגער איז עפּעס א פרעמדער אכסאניע,
וואָס קומט צו דיר בעטן א געלעגער פאר זיך,

ניטאָ אזא וועג אף דײַן ערד, אוקראַינע,
וואָס זאָל ניט דערקענען פון קינדווײַז די טריט
פון מײַנע פארלאטעטע שיך.
איך בין ניט קיין גער אינעם היימלאנד בא זיך.

טעג מײַנע

טעג מײַנע פֿאַרלאָשענע,
טעג מײַנע פֿאַרשװוּנדענע,
איך זע אײַך אונטער װאַסערן,
װי יאַם־שיפֿלעך פֿאַרזונקענע,
װאָס גאַרן בלױז צו װעסלעװען
די טיפֿעניש די פֿינצטערע,
און װידער זיך א יאָג טאָן
איבער יאַם־פֿלאַכן די לױטערע,
אימפּעטדיק זיך טראָגנדיק
אױף כװאַליעס אױף צעבױטעטע.
טעג מײַנע פֿאַרגאַנגענע,
טעג מײַנע דערטרונקענע,
איך הער, װי אונטער װאַסערן
איר אָטעמט אַזױ מונטערדיק,
װי קאַרפּן־פֿיש װי גאָלדענע
מיט לעבנס־קראַפֿט באַװאָפֿנטע,
איר ראַנגלט זיך דאָרט לעבעדיק
אין יאַם־נעצן געפֿאַנגענע.
טעג מײַנע פֿאַרגאַנגענע,
טעג מײַנע פֿאַרלאָשענע,
װי שטערנדלעך צעצונדענע,
איך זע אײַך אונטער װאַסערן
מיט גינען־שײַן פֿאַרגאָסענע.
איז קומט־זשע אױף מײַן כאַסענע,
טעג מײַנע צעשאָסענע.

אף וועגלאַזע וועגן

ווער האָט געקענט זיך דען ריכטן,
יאַנוואַר זאָל פאַרנעמען די שטול פון אַפּרעל,
און אַז קלעפּיקע בלאָטעס, ווי סמאָלעס געדיכטע,
זאָלן פון דאָרפישע וועגן מאַכן טיל־טעל?
די ערד האָט אַליין אף אַזוינס ניט געריכט זיך,
יאַנוואַר זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַפּרעל.
ליגן סטעפּעס צעווייקט אף די זומפּיקע וועגן,
און ס'מוטשען זיך אויטאָס מיט גליטשיקע רעדער,
אף קאַליוזשעס בולבעט אַ שנייִקער רעגן,
און ס'ווערן די וועגן אַלץ שווערער און שווערער.
באַצײַטנס קאָן קײנער ניט קומען אהיים.
איך הער, ווי פון זריִעס זיך טראָגט אַ געוויין;
דאָס ברענגען די ווינטן פאַרבאָרגענע טפילעס
פון פעלדער פאַרזייטע מיט טוועס,
וואָס בעטן די שנייען, זיי זאָלן אַצינד ניט צעגיין;
ווײַל אונטערגעפּירט האָט יאַנוואַר איצט דעם דרויסן,
וועל איך באַרוועסערהייט אף דעם וועגלאַז ארויסגיין,
זיך שטעלן אין סטעפּ, ווי אַ דאַמבע אַ גרויסע,
און פאַרהאַלטן דעם שניי, וואָס צעגייט אַזוי שנעל,
ביז צו אײַך וועט ניט קומען דערווירקלעכער פרילינג, —
די מאַלקע די שיינע — אַפּרעל.
איך וועל ניט פאַרלאָזן אײַך וועגלאַזע וועגן,

ביז כ׳וועל ניט דערזען יענע זון־שײַן די גרויסע
אױף די גרינע לאַנדשאַפטן, פֿאַרפֿולטע מיט כיין.
מיך שרעקט ניט קיין וועגלאָז, וואָס הערשט אינעם דרויסן,
דורך וועגלאָזע וועגן ליגט דער וועג צו מײַן היים.

איך וויל נאָכאמאָל א יוגנט

ווער וועט פֿײַערן מײַן יויוול,
די העלפֿט פון מײַן יאָרהונדערט?
אז מײַן ליד, וואָס איז געבוירן,
האָט דאָך קיינעם ניט פאַרוווּנדערט,
און ווייניק הערצער האָט זי דערוועקט.
וועל איך שטיל זיך איצט דערמאָנען
אין מײַן לײַדנדיקער יוגנט,
אין מײַן דורכגעלעבטן וועג,
ווײַל מײַן הארץ, ווי נאָך א טאָנעס,
איז נאָך לעבן אויסגעהונגערט.
ווײַל כ׳האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן
זיך מיט פריידן ניט באנוגנט.
בענק איך ווידער נאָך א קינדהײַט,
וויל איך נאָכאמאָל א יוגנט.
כ׳וויל א יוגנט א באכיינטע
מיט א דרייסטקײַט א באהעלטער,
כ׳וויל א יוגנט, וואָס פארגייט ניט
און פון וואקסן ווערט ניט עלטער,
ווערט ניט גרוי פון זאָווערוכעס,
ווערט פון זאָרגן ניט פארמאטערט,
כ׳וויל א יוגנט, וואָס אין שטורעמס
זאָל ווי זעגלען זײַן צעפלאטערט.
כ׳וויל א ליבע, וואָס צעאקערט
אלע בייטן אינעם הארצן,

און די בענקשאַפט מיט אַ פלאַקער
זאָל פאַרברענען מיך אינגאַנצן.
מיט דעם אַש, וואָס וועט פאַרבלײַבן,
כ׳זאָל באַגיטיקן די פעלדער,
כ׳וויל אַ יוגנט, וואָס זאָל בלײַבן
אַ צעבליטע אױף דער עלטער.
אַז צום גאָרטן פון מײַן יוגנט
יעדן אָוונט זאָל איך קומען.
אין די טויִקע פאַרטאָגן
זאָל איך פלאַנצן העלע בלומען.
ווי אַ פרילינג־ווינט כ׳וועל בלאָנקען
צווישן שמייכלענדיקע גראָזן,
טרינקען פרישקײַט פון די לאָנקעס
צווישן ווינטעלעך, וואָס בלאָזן.
וואָס צעווייען פונעם גערשטן
ברוינע פאַרטיקײַט פון צוויטן,
פון מײַן ליבע פון מײַן ערשטער
אַלע טרוימען כ׳וועל פאַרהיטן.
כ׳וויל פאַרהיטן די געוועבן
פון איר כיינעוודיקער מילדקײַט,
דאָס איז אָנהייב פון מײַן לעבן,
פון מײַן ברויזנדיקער שטילקײַט,
וואָס געגעבן וועט זי איינמאָל,
ווי אַ פרישקײַט פאַר די גראָזן,
כ׳וויל אַ יוגנט, וואָס זאָל קיינמאָל
אױף דער ערד מיך ניט פאַרלאָזן.
מײַנע יאָרן, מײַנע פופציק,
ווי די פלאַטערדיקע זעגלען,
זײַנען צוגעגרייט פאַר שיפן,
יעדן יאַם־ווינט צו באַגעגענען,
איבער גרויזאַמקײַט פון יאַמען,
איבער בויטנדיקע טיפן,
כ׳שווים צו טרײַשאַפט פון מײַן מאַמען,
כ׳שווים צו יענער וועלט זי רופן.

אף מײַן יװוּל כ׳װעל זי ברענגען,
צו מײַן אױסגעטרױמטער יוגנט.
זאָל איר האַרץ נאָך מיר ניט בענקען,
זאָל איר האַרץ ניט זײַן פֿאַרװאָגלט.
זאָל זי קומען, װעט זי הערן,
װי עס שפּילט מײַן יוגנט־סטרונע.
שענער זעען אױס די שטערן,
װען מיט זײ איז די לעװאָנע.
כאָטש מײַן מאַמע איז אומגעקומען,
נאָר איר טרײַשאַפט איז פֿאַרבליבן.
אין א סטרונע א געפּלאַצטער
לעבט די מילדקײַט פֿונעם ניגון.

— — — — — — — — — —

אױב א סטרונע פּלאַצט באַם פֿידל,
װערט דער פֿידלער ניט אַנשװיגן.
קומט זשע הערן אף מײַן יװוּל,
װי געפּלאַצטע סטרונעס שפּילן...
װעגן יוגנט, װאָס פֿאַרגײט ניט
און פֿון גרױקײַט װערט ניט עלטער,
כ׳װיל א יוגנט א באַכײנטע
מיט א דרײסטקײַט א באַהעלטער.



II

מילכאָמע און שאָלעם



א ליכטיקע

א ליכטיקע, א שנייִקע לעוואָנע,
א קאַלטער און א רויִקער באַנאַכט,
כ׳הער דאָס אָטעמען פון אומעטיקע קליאָנען,
כ׳זע, ווי ס׳וויגן זיך די שאָטנס אפן שליאך.
כ׳וויל, ס׳זאָל קיינער אָט די שטילקייט ניט צעשטערן,
פון וועלט מייַנער דעם רויִקן געמיט,
אין שוטפעס מיט די וווּנדערלעכע שטערן
די גוטסקייט פונעם לעבן איך פאַרהיט.
ווייַל ס׳דוכט זיך מיר, אַז אַלץ, וואָס איז פאַרזונקען
אין שלאָפנדיקן שווייַגן פון דער נאַכט,
קאָן אומגעריכט, ווי טליִענדיקע פונקען,
צעברענען זיך אין פייַערדיקן שלאַכט.
נאָר דורך רויכן אין באַנאַכטיקן געווימל
כ׳וועל מייַן שוצגראָבן געפינען אַף דער ערד,
און פאַרהיטן כ׳וועל די שיינקייט פונעם הימל
און דעם סוינע כ׳וועל פאַרטרייַבן מיט מייַן שווערד.

מײַן פרײַנט דעם קאַפּיטאַן

ערשט נעכטן געקומען און שווימסט שוין אוועק
צו גרויזאַמער ברייטקײַט פון יאַמען,
א בענקשאַפט גייט נאָך און באַגלייט מיך אין וועג
און גייט מיט מײַן הארצן צוזאַמען.
איך וויל ניט פאַרהאַלטן דײַן וועג צו דעם יאַם,
אף דיר וואַרטן גאָלדענע שיפן,
וווּהין קען דען שווימען אָן דיר, קאַפּיטאַן,
די שיף איבער שרעקלעכע טיפן?
דו לאָזט זיך אוועק איבער יאַמען אף לאַנג,
מײַן הארץ בענטשט דעם רויִקן וועטער,
נאָר פלאַטערט א ווינט, הערט זיך צו מײַן געדאַנק
צום ציטער פון שווײַגנדע בלעטער.
פאַרנאַכט גיי איך אָפט זיך אראָפּ צו דעם ברעג,
און זוך זיי, די איינזאַמע זעגלען,
נאָר כוואַליעס פאַרשווענקען דעם יאַמיקן וועג,
מיט גלײַכגילט מײַן הארץ זיי באַגעג׳נען.
איך שטיי און באַטראַכט אָט דעם גרויזאַמען יאַם,
די שיפן, וואָס שווימען צו ברעגן,
מיר דוכט, אז איך זע פון דײַן מאַסטבוים דעם פלאַם,
וואָס טראָגט זיך אף כוואַליקע וועגן.

בא דעם נאָמענלאָזן בערגל

ניט איך בלויז אליין בין געקומען צו אײַך אָט אהערצו,
מיט מיר אף דעם בערגל שטייט א ברייטע פארצאָרנטע ראכוועס,
און א טרויער א שווערער, ווי א בער אף די הינטערשטע לאפּעס,
האָט זיך באזעצט אף די וועגן און מיט נעגל מײַן הארץ מיר צעדראפּעט.
פרעג איך די ראכוועס, צי ווייסט זי די נעמען פון יענע,
וועמען דער טויט האָט א שווארצן צוקאָפּנס אויסגעבעט שטיל
אָט דאָ צווישן סטעפּעס, און מיט שווארצערד פארשאָטן די נעמען,
וואָס זײַנען אין שלאכטן געפאלן פארן פאָלק, פאר זײַן ערלעכן עמעס.
ווייסט קיינער ביז איצט ניט אָט יענע פארשניטענע נעמען.
נאָר יעטווידן אָוונט קומען ווינטן צו גיין אָט אהער,
אף דער ברייטער צעוואָרפענער ראכוועס.
האלטן אָפּ בא דעם בערגל א טפילע,
און זאָג צו זיי אלע, וואָס זײַנען מיר נאָענט און טײַער,
אז מײַן ווייטעק, וואָס קלעמט מיך, בלויז צו אײַך האָט א שײַכעס,
ווײַל איר האָט געטרײַ און באשיידן קלייניקע שפּענדלעך געטראָגן
צו יענע צעפלאקערטע שײַטערס,
וואָס האָבן פון וואָלגע ביז נייסע געברענט די פאשיסטישע האָרדעס,
דערפאר האָט מײַן פאָלק מיר געהייסן, כ'זאָל קומען אהערצו
און אָנטאָן מיט גאָלדענע אָרדענס
דאָס בערגל, וואָס האָט ניט קיין נאָמען.
און אויב כ'וועל אפילע ניט פּראוועןקיין טאָנעס,
אלציינס וועט דאָס פאָלק מײַנס אײַך אייביק דערמאָנען.

דעם אומגעקומענעם סאָלדאַט

ווען דער האַרבסט אַף די פעלדער פאַרלעשט
יעדן שײַטער פון מענטשלעכער מי,
און צעגיסט אַף די וועגן דאָס מעש
און באַגילדט מיט זײַן וועלקן דעם הי,
דאַן באַקלאָגט זיך אַ בלום, וואָס באַצירט
אַ באַשיידענעם קייווער אין פעלד,
אוי, מײַן בלי זאָל ניט ווערן געריירט,
אוי, מײַן בלאַט זאָל ניט ווערן פאַרגעלט.
ניט איך בלי, נאָר דעם קייווער כ׳באַשײַן
און דאָס אָפענע האַרבסטיקע פעלד.
איך היט דאָס אַש פון די שלאַכטלײַט און פרײַנט,
וואָס האָבן שאָלעם געבראַכט פאַר דער וועלט.

בא דעם טאָפּאָל

מײַנע אומגעקומענע עלטערן בײַם
דער דײַטשישער אָקופּאַציע

צווישן אלע שויבן איז אויך מײַן שויב פאַרלאָשן,
צווישן אלע הײַזער איז אויך מײַן הויז פאַרברענט.
אָט ליגט דאָס שטעטל מײַנס אף דר׳ערד אָן לאָשן,
מיט וואַרגנדיקע אויגן פאַר דער וועלט.

צווישן אלע סעדער איז אויך מײַן סעדל ליידיק,
צווישן אלע ברונעמס איז אויך מײַן ברונעם פּוסט,
אף פאַרברענטע צווײַגן הענגט א שווערער ווייטעק,
און א שוואַרצער טרויער ליגט אף יעדן קוסט.

איז בא וועמען פרעגט מען, ווו קאָן זײַן מײַן שוועסטער?
און ווו איז מײַן מאַמע מיט איר פראָסטן כיין?..
ווען דאָס קאָל פון צאָרן האָט געבראָכן פענצטער,
און געבעטן ראַכמים האָט דאָ יעדער שטיין.

צווישן ווענט פאַרברענטע גיי איך אום איצט איינזאַם,
א פאַרבלאָנדזשעט ווינטל שלעפּט אַן אלטן דראָט,
די פאַרברענטע היים זעט אויסעט פּוסט און גרויזאַם,
ווי נאָך א גרויסער סרייפע, ווען ס׳קומט אום א שטאָט.

נאָר פון אש פארלאָזטן, פון פארברענטע ווינקלען
כ׳זע, ווי ס׳גייט מײַן מאמע אין א שווארצן קלייד,
און אזויפיל בענקשאפט אין די אויגן פינקלט,
און די הענט ווי פליגלען האָט זי ברייט צעשפּרייט.

„קום, מײַן זון מײַן טרײַער, קום צו יענער לאָנקע,
קום צו יענעם טײַכל, וווּ די קלאדקע ליגט,
אין טשערעטן גרינע פלעגסטו קינדווײַז בלאָנקען,
און אין וואסער שפּרינגען פונעם אלטן בריק.

איך פלעג אָפט דיך זוכן בא דעם ברעג דעם שלאנקן,
ווײַל עס פלעגט מיר דוכטן, פאלסט אראָפּ אין יאר,
פלעג אין פעלד א פײַער ערגעץ־ווו א בלאנק טאָן,
האָב איך שטיל אים נאָכגעקוקט און צעווייט מײַן צאר.

ווי גליקלעך בין איך איצט, וואָס דו כאָטש איינער
ביסט אוועק פונדאנען צו א פרײַער וועלט,
אונטער שלאנקן טאָפּאָל ליגט א בארג מיט ביינער,
צווישן זיי אויך מײַנע מיט שטיקער ערד פארשטעלט.

קום, מײַן זון מײַן טרײַער, קום צו יענעם טאָפּאָל,
אונטער זײַנע וואָרצלען ליגט דײַן שוועסטער טויט,
דאָרטן ליגט דײַן זיידע בא דעם בוים צוקאָפּנס,
און פון טאָפּאָל־בלעטער שטייט א גרינער פלויט.

אין מינוטן שווערע פארן טויט, באם שיידן,
האָבן זײַנע בלעטער אונדז פארדעקט די שאנד,
ווען אף אונדז דער טאליען האָט צעפליקט די קליידער,
האָבן אלע ביימער זיך צעוויינט אין וואלד.

צווישן טאָפּאָלס צווײַגן אינעם פעלד דעם הוילן
האָט איין טרייסט אין הארצן מיר געוועבט די נאכט,

וואָס טאַליאָנים דײַטשן פון דײַן לענטע קוילן,
ווי די בלעטער פאַלן אינעם טויטן שלאַכט״.

און מײַן מאַמע האַלדזט מיך און זי קושט מײַן שטערן,
אירע הענט די זעלבע זײַנען צאַרט און קאַלט,
ניט קיין טויען פאַלן, נאָר אַ יאַם פון טרערן
האָט פאַרפּלייצט די לאָנקע ביזן ראַנד פון וואַלד.

איר פאַרגליווערט פּנים איז צעקנייטשט פון זאָרגן,
פון איר מידן שטערן כ׳שאַר אַראָפּ די ערד.
אין מײַן מאַמעס האַרצן ליגט מײַן פאָלק פאַרבאָרגן,
אין די טויטע אויגן ליגט די גאַנצע וועלט.

פון מײַן גרינעם ראַנעץ און פאַרשטויבטע אַקסלען
ווישט מײַן מאַמע לאַנגזאַם מיר מײַן מידקײַט אָפּ,
אַז מײַן בוים פון שטאָלצקײַט זאָל נאָך שענער וואַקסן,
און אַז פרייד באַקרוינען זאָל מײַן יונגן קאָפּ.

איז טו אויסעט, בענקשאַפט, איצט דײַן קלייד, דײַן שוואַרצע,
ציִנד מיר אָן די לוכעס אינעם טונקלען פעלד,
ווײַל איך טראָג די שטאָלצקײַט פון מײַן מאַמעס האַרצן,
און דאָס בלוט דאָס וואַרעמע איך טראָג פון יענער וועלט.

העלף מיר, שלאַנקער טאָפּאָל, דו מײַן קרוין מײַן שענסטע,
העלף מיר מיט צו טראָגן מײַן פאַרשײַטן וויי,
אין דײַן יעדן וואָרצל רינט דער צאַר פון שוועסטער,
אינעם רויש פון בלעטער כ׳הער דאָס קאָל פון זיי.

אַ דערשטוינטער שטיי איך בײַ זײַן שטאַם דעם גרינעם,
און אַ זאַפט אַ פרישער כ׳הער צו בלעטער רינט.
מיטאַמאָל דערפיל איך, ווי זי ווערט אַנטרונען
צווישן טונקלע פעלדער, אין דער נאַכט פאַרשווימט...

מײַנע הענט כ׳שטרעק אויסעט צו די גרינע װײַטן,
און איך רוף מײַן מאַמען: קער זיך אום צוריק!..
נאָר א שוואַרצער טרויער קומט פון אלע זײַטן,
און צעהענגט אף צווײַגן זײַנע טונקלע שטריק.

אזא שווערע מידקײַט שליסט מיר צו די אויגן,
און מײַן קאָפּ פאַרבייג איך צו דעם טאָפּאָלס שטאַם,
ווי די פייגלען, בלעטער צו מײַן קאָפּ זיך בויגן,
און איך ווער דערטרונקען אין זײַן גרינעם יאַם.

און א ווינט דערמאָנט מיר אין א נאַכט א פרײַער,
ווען פון האַרץ די זאָרגן שווימען שטיל אוועק,
און אין הויך א שטערן האָט צעצונדן פײַער
און האָט העל באַלויכטן יעדן טונקלען וועג.

ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז ארויס צוזאַמען —
מ׳איז געגאַנגען שעפּן באַ דעם טאָפּאָל רו,
און מיט אלע קינדער איז געגאַן מײַן מאַמע,
און זי פירט אונדז אלע צו דעם טאָפּאָל צו.

אזא יאַם מיט מענטשן אונטער זײַנע צווײַגן
פלעגן אָפט פאַרברענגען ביזקל שפּעטער נאַכט.
עפּשער קאָנסטו, קינדהײַט, ווידער נעמען קלײַבן
מײַנע יונגע טרוימען פון פאַרשטויבטן שליאַך?

נאָר די בלעטער רוישן און מײַן אומרו וועקן,
מײַן פאַרשײַטן אומרו פון מײַן יונגן דאָר,
און איך וויל די בלעטער פון מײַן טרוים אנטפּלעקן,
כ׳וויל דערזען די קלאָרקײַט פון מײַן וועלט און וואָר.

און כ׳דערזע דעם טאָפּאָל שטיין אַף וואָרצלען קרעפּטיק,
און זײַן קרוין זײַן ברייטע צו מײַן הארץ זיך ווענדט:
„זע, ווי אלע בלעטער זײַנען שיין באהעפטיקט,
און מײַן קרוין מײַן הויכע אונטער הימלען העלט.

און אפּסנײַ די בלעטער וואקסן שטיל אײנײנעם,
כ׳וועל דײַן קאָפּ באקרוינען מיט מײַן שטילן גליק.
ווען עס פאלן בלעטער, טאָר דער בוים ניט וויינען,
ווײַל אין יעדן פרילינג בליט דער בוים צוריק.

פון מײַן צווײַג דער העכסטער כ׳האָב געזען דעם אומגליק,
כ׳האָב געהערט יעלאָלעס און דײַן מאמעס ווי,
נאָר מײַן יעדער בלעטל האָט געוואַרט געדולדיק
און געקליבן סינע און דעם טויט פאר זיי.

פאר אָט די, וואָס האָבן ביזן בלוט געשניטן
מײַנע קינדער־בלעטער פון מײַן יעדער צווײַג,
ווער עס קאָן די וואָרצלען אין דער ערד פארהיטן,
דער וועט אויך פארהיילן זײַן פארוואונדעטע לײַב.

איז ניט זאָרג, מײַן קינד, ניט באוויין דײַן גורל,
ווײַל עס רינט נעקאָמע אין מײַן יעדן בלאט,
אונטער מײַנע וואָרצלען ווערט א קראפט געבוירן,
וואָס וועט העל באלײַכטן דיר דײַן וועג אין שלאכט.

דער פאשיסט, דער טאליען, וועט דעם טויט ניט מײַדן,
פאר צעהאקטע בלעטער, פאר דעם ווי און צאר,
אפּצולאָכעס וואקסן מײַנע ברייטע צווײַגן,
פון דעם קלענסטן בלעטל וואקסט ארויס א גוואר״...

א דערשטוינטער שטיי איך בא זײַן שטאם דעם גרינעם,
און א זאפט א פרישער כ׳הער צו בלעטער רינט.
צווישן טויזנט ביימער כ׳וועל מײַן בוים געפינען
און צו אים כ׳וועל קומען ווי אן אייגן קינד.

שראַמען

פאַר די, וועלכע פעלן און זײַנען מיט מיר איצט ניטאָ,
פאַר זיי וועל איך האָרעווען, בא קיינעם ניט בעטן קיין ביסעלע רו.
די לאַסטן די שווערסטע כ׳וועל טראָגן פאַר זיך און פאַר זיי,
כאָטש דאָס האַרץ איז אין שראַמען, און אַ בלוטיקער שראַם
טוט דאָך זייער שטאַרק וויי.
נאָר די שראַמען פון פאָלק טראָג איך שטענדיק אין האַרצן מיט ציטער,
און היילן איך הייל זיי מיט שווערער האָרעוואַניע,
ווי אַן ערלעכער מײַסטער, ווי אַ מענטש אַ געניטער.
די דאָזיקע מי איז מיר ליב, און גרייט בין איך אָפּגעבן אַלץ
פאַר יענע, וואָס זײַנען אין שלאַכטן געפאַלן
און האָבן געלייגט פאַר דעם היימלאַנד דעם קאָפּ.
איז ווי כ׳זאָל ניט מיד זײַן, קומען כ׳וועל שטענדיק צו זייערע גריבער.
די דאָזיקע גריבער אין פעלד שפּרינג קיינמאָל, מײַן פרײַנט, ניט אַריבער.
שטעל אָפּ זיך לעם זיי אָטאָ דאָ און אַ ווײַלע פאַרהאַלט זיך,
כאָטש דאָס האַרץ איז פאַרשטיינערט, נאָר וויין ניט, דו שטאַרק זיך.
ווײַל האָרעווען מיר דאַרפן נאָך מערער, פיל בעסער פון אַלע,
טראָגן שטענדיק דעם אָל אי פאַר זיך, אי פאַר זיי,
כאָטש דאָס האַרץ איז פון ווייטעק צעשראַמט,
נאָר מיר דוכט, אַז עס טוט מיר ניט וויי,
ווײַל האָרעווען איך דאַרף נאָך אַ סאַך
אי פאַר זיך, אי פאַר זיי.

כ׳וועל אויסגלײַכן

כ׳וועל אויסגלײַכן ווידער די פּלויטן די קרומע,
וואָס ליגן צענעריקט, פאַרלאָזט בא דעם שליאך,
כ׳וועל ווידער אין גערטנער פאַרפלאַנצן די בלומען
און שטערן צעהענגען אַף וועגן א סאך.
אז ווידער זאָלן לויכטן די סטעזשקעס די שמאָלע,
ווו מיר האָבן קינדווײַז געשפּילט זיך אין זאמד,
ווען מיר האָבן פייגלען פון ביימער פאַלאָכעט
און האָבן געטריבן צוריק אינעם וואלד.
אויסשנײַדן וועל איך אַף פעלדער צעבליטע
דאָס ווילדגראָז, וואָס האָט אונדז די בליִונג געקלעמט,
די קראָפּעווע וועל איך צעטרעטן, וואָס בריט מיך,
אז קיינער זאָל מער זיך ניט בריִען די הענט.
אז ס׳זאָלן די פעלדער בלויז וואקסן און צוויטען,
מיט זייערע זאפטן האָב איך זיך דערנערט,
אויסרײַסן וועל איך מיט הענט מיט צעבריטע
די גראָזן די ווילדע, וואָס בריִען די ערד.

קום מיט מיר

פֿרעגסט, צו וועמען איַיל איך זיך
און וועמען וויל איך ראַטעווען?
איז קום מיט מיר, מײַן טײַערער,
קום צו יענע אַטאָמלעך,
וואָס ליגן אין באַהעלטעניש,
און גרייטן זיך און טשאַטעווען,
מיט פֿײַערן צו קאַטעווען,
מיט סרייפֿעס באַלעבאַטעווען,
צינדן און פֿאַרלענדן,
אָפּווישן, פֿאַרטיליקן,
מיט פּראָסטיקייט פֿאַרגליווערן,
פֿעלקערשאַפֿטן, לענדער.
וואָרן איך איצט אַלעמען
און יעדערן באַזונדער,
אַז די קלוגשאַפֿט פֿון די אַטאָמלעך
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
וואָס געעפֿנט האָט פֿאַר אַלעמען
די טויערן פֿון וווּנדער,
און פֿון סוידעס יעדן פֿענצטערל
צעקייטלט זיי באַזונדער,
איז ניט פֿאַר די, וואָס כּאַלעמען
פֿאַרניכטן אונדז, מילכאָמעווען,
איז ניט פֿאַר די, וואָס גרייטן זיך
מײַן לעבן אונטערצינדן,

איז ניט פאר די, וואָס טראכטן זיך
פארברענען מײַנע קינדער.
איז קומט מיט מיר איצט ראטעווען,
ראטעווען די קלוגשאפט
פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט.
קום צו יענע אטאָמלעך
די פיצעלעך די קלײנינקע,
וואָס לעבן זיך פארײניקטע,
פארײניקטע, צעײניקטע,
צעשפאָלטענע, צעריסענע,
מיט ליניעס געצײכנטע,
אי גרויזאמע, אי ריזיקע
אף קאלקעס בא די פיזיקער.
געקומען כ׳בין באגריסן אײַך,
אטאָמס ניט געזעענע,
אײַך קײנמאָל ניט באגעגנטע.
איך וויל מיט אײַך באפרײַנדן זיך,
איך וויל מיט אײַך באקענען זיך.
איז קומט ארויס און שעמט זיך ניט,
פארלאָזט אײַער באהעלטעניש
און לאָזט זיך ניט פארפירן
פון עפּעס א פארבלענדעניש.
אטאָמלעך איר קלײנינקע,
מיט שנאָבעלעך מיט רײנינקע,
עפנט אוף די מײַלעכלעך,
עפנט אוף די אײגעלעך,
פארקוקט זיך אף די לענדער,
אויסגעפוצט אין פּײַערלעך,
אין יאָמטעוודיקער טומלעניש
מיט לעבנסלוסט און ווימלעניש,
פארהאוועטע, פארטראָגענע
אין אײַלעניש און יאָגעניש
צו קאָסמאָסן מיט שטורמעניש.
מיט הײכקײַטן דערקוויקן זיך,

מיט שטערן־שײַן דערנערן זיך,
אין ליכטיקײַט פֿארמערן זיך.
איז זיי ווילט איר צעשטערן,
איז זיי ווילט איר פֿארטיליקן?
ניין, האָבן געענטפֿערט מיר
די אטאָמלעך די שטילינקע.
מיר, די נײַגעבוירענע,
אױף דער וועלט געקומענע,
האָבן זיך פֿארשווירן
קיינעם ניט באומגליקן,
מיט קיינעם ניט מילכאָמעווען
און קיינעם ניט פֿארטיליקן.
אונדז, די קליינע אטאָמלעך,
וועט קיינער ניט באצווינגען,
אז מיר זאָלן מיט פֿײַערן
דאָס לעבן אונטערצינדן,
אז מיר זאָלן פֿארלענדעווען
פֿעלקערשאפֿטן, לענדער —
אז מיר זאָלן פֿארלעשן
די פֿײַערן די שטאָטישע,
די שטערנדלעך, די ליבלינגען
אין רויכיקײַט פֿארקוטעווען,
פֿארסמאַלעווען, פֿארבלוטיקן
די בליִענדיקע שטעטכן,
צעוואלגערן, צעשמעטערן.
פֿארקערט, האָבן געענטפֿערט מיר
די אטאָמלעך די גראָטענע:
מיר וועלן אונדזער ערד־קײַלעך
באשײַנען און באהעליקן,
באליכטיקן, באצויבערן,
דער שאָלעם זאָל געוועלטיקן.
געוועלטיקן, געדויערן,
אז קיינער זאָל ניט טרויערן,
אז קיינער זאָל ניט וויינען.

מיר, די קליינע אטאָמלעך,
מיר, מעכטיקע גיבוירימלעך,
מיר ווען אונדזער וועלטעלע
באצירן און באציינען,
באציינען און באליכטיקן
די יאמען און די רוימען.
ווײַל דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע
פון אלע מײַנע טרוימען.



III

מאכשאָוועס קומען אָן



* * *

מאכשאָוועס קומען אָן און שווימען שטיל אוועק,
ווי פּראַכט־שיפן געלאָדענע צו ווײַטע לענדער,
און אויב אין האַרץ מײַנעם אַ פּײַערל צעפּינקלט זיך מיט שרעק,
פאַרלעש איך עס, דערטרינק איך עס
אין מײַן כוואַליעדיקן וועג
אף אומבאַקאַנטע יאַמען, אף ברייטקײַטן פאַרפרעמדטע.
און בלײַבן כ׳בלײַב אַליין מיט מײַנע מונטערע מאַכשאָוועס,
פאַראַנקערטע, ווי שיפן, צײַטווײַליק באַם ברעג,
איך צעעפן פאַר די מעוועס מײַנע ליכטיקע קאַיוטעס,
זאָלן זיי זיך אָפּרוען מיט מיר אָט דאָ אין וועג.
און אויב עס וועט מיר אויסקומען נאָך לעבן צווישן שטורעמס,
וויל איך, ווי אַ מעווע, ניט וויסן פון קיין שרעק.

ווילן

דער מענטש טראָגט זײַן ווילן אין טיף פון זײַן האַרצן,
ווײַל ווילן איז בלײַונג, וואָס בליט אויך אין האַרבסט.
דער מענטש וויל דערגרייכן צו הימלשער ברייט,
צום שענסטן און בעסטן, צום אָטעם פון פרייד.
און טאָמער בלײַבט עפּעס פון אויגן פאַרשטעלט,
ער וויל זיך דערוויסן די סודעס פון וועלט.
דורך וועגן ער לויפט מיט אַ דאָרשטיקן בליק,
צו כאַפּן זײַן שטערן, זײַן אופגאַנג פון גליק,
געניסן פון אַלץ, וואָס עס בליט און וואָס העלט,
ס׳לעבט איין מאָל דער מענטש אף דער ליכטיקער וועלט.

* * *

אויב דו גארסט צו וויסן, וואָס איז פרייד און מוט,
צו דעם קאָל פון לעבן הער זיך איַינעט גוט.
הער זיך איַין אויך טיפער צו דיַין אייגן קאָל,
וועסטו פרייד אויך פילן אין דיַין שווערן אָל.
וויַיל אין אלע ווינקלען פון מיַין זויבער הארץ
בליִען שענסטע פרוכטן אויך אין שפעטן הארבסט.
ס׳איז מיַין וועלט אַן אָפּגרונט פון א קלאָרן טיַיך,
און דעם עמעס זאָג איך אין די אויגן גליַיך.
אין מיַין הארץ דעם לויטערן קאָנסטו זען דעם דנאָ,
אין זיַין קלאָרן אָפּגרונט איז קיין שלאנג ניטאָ.
איך באהאלט ניט גאָרניט פאר זיַין העלער פלאך,
וויַיל דאָס גאנצע לעבן איז א וויַיטער שליאך.
און כאָטש מיר גייען ביידע אף א שווערן וועג,
נאָר דאָס לעבן ברענגט אונדז צו איין שיינעם ברעג.
וויַיל איין גלויבן פירט אונדז צו דער שענסטער וואָר,
ס׳איז די ערד א גרויסע, נאָר מיַין וועג איז קלאָר.

יאָרן שווימען

ווי בארזשעס, שווימען יאָרן, און א מענטש ווערט עלטער,
דארפסט אליין ארויסגיין אין דער גרויסער וועלט,
א פארשייטער לויפסטו אין די פרייסטע פעלדער,
און דו זוכסט אין לעבן נאָר וואָס דיר געפעלט.
זאָלסט, מיין פריינט, געדענקען, אז ס׳איז שווער צו קומען
צו די ווייטע ברעגן פונעם גרויסן גליק,
ווער עס שרעקט זיך איבער פאר א שטארקן שטורעם,
טראָגן אים די כוואליעס צו דעם ברעג צוריק.

כ׳האָב ליב א שטורעם

כ׳האָב ליב א שטורעם און א רויטן בליץ,
וואָס צינדט אָן פײַער אינעם טונקלען רוים,
די ערד אין פינצטערניש נאָך שווערער היץ
דערזעט אין ליכטיקײַט איר שענסטן טרוים.
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס צערודערט בערג,
וואָס הייבט פון טײַכן זייער גרינגן דאַמף,
ווען ס׳שווענקט א רעגן אָפּ דעם קויט פון דר׳ערד,
און בליצן ראַנגלען זיך אין שווערן קאַמף.
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס צעווייקט דעם קויט
און וואַשט די גראָזן מיט א פרישן זאַפט,
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס פאַרטרײַבט דעם טויט
און טראָגט דער וועלט א נײַע קראַפט.
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס באַפוילט דעם יאַם,
ס׳זאָל יעדע כוואַליע הייבן זיך אין שווונג,
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס צעבלאָזט דעם פלאַם,
דאָס גרויסע פײַער פון א בלייכן פונק.
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס דערוועקט געפיל
צו פרייד און ליבע און צו שענסטע פרײַנט,
כ׳האָב ליב א שטורעם, וואָס צעוויגט זיך שטיל
און נאָך א ראַנגל קומט די זון און שײַנט.
נאָר אזא מין שטורעם האָב איך שטענדיק ליב,
אין הארצן טראָג איך אים מיט שטילן ציטער,
כ׳האָב ליב א שטורעם, ווען ער ברענגט מיר גליק
און טראָגט די אופגאַנגען אין זײַן געוויטער!

* * *

אָט פליט ער, דער אָדלער, מיט פליגלען צעשפּרייטע,
דעם הימל פאַרנעמט ער קימאַט אַף דער האַלב,
כאָטש פליגלען בא מיר זײַנען גאָר ניט קיין ברייטע,
צוויי פליגעלעך פלינקע מיט פעדערלעך קליינע,
אַזעלכע פליגלען פאַרמאָגט נאָר א שוואַלב.
פלי איך באַגלייַך מיטן אָדלער איניינעם
צו זיכערע ווײַטן, געלײַטערטע, שיינע,
ער, ווי אַן אָדלער, און איך, ווי א שוואַלב.

* * *

פוסטריט כ׳גיי נאָך דעם שווערן גורל מײַנעם,
כ׳וויל זען וווּהין וועט ער פאַרקער׳וועלן מיך,
עפשער וועט ער גיין אהין, וווּ דאָס לעבן גיט זיך אײַנעט,
אָט צו יעניקע, וואָס טראַכטן בלויז נאָר וועגן זיך,
אָדער עפשער גאָר אהינצו, וווּ עס ליגן מײַנע קערנער,
די אופגאַנגען די ערשטע פון מײַן ניט דערזייטער זריע,
וואָס פאַרלאָזט האָב איך פון לאַנג שוין אַף די פרילינגדיקע פעלדער.
צי עפשער האָט אַ בופלאַקס אים גענומען אַף די הערנער
און טראָגט אים אַף די וועגן וואָס פירן צו דער שקיעה?
צי עפשער איז מײַן גורל נאָך אַ שטערן ניט־געבוירענער,
און איך גיי אים נאָך און טראַכט פון אים אומזיסט?
ניין, כ׳וועל ניט דערלאָזן, ער זאָל אומגיין אַ פאַרלוירענער
און אַז פירן זאָל ער ווײַט מיך,
און איך זאָל ניט וויסן וווּ ער איז.
אַז מײַן גורל זאָל ניט בלײַבן צווישן פעלדער אַ פאַרלאָזטער,
וועל איך נאָכגיין נאָך אים שטענדיק,
קאָלזמאַן איך האַלט זיך אַף די פיס.

פאַרוואָס לעשט מען אויסעט זײַן ליכט...

עס האָט זיך די האַלבנאַכט צעשיידט מיט די ברייטע פאַרטונקלטע הימלען,
און לאַנגזאַם זי גייט זיך אַוועק און פאַרשווינדט פון דער ערד.
אין די טויזיקע וואַרעמע וועלדער קליינינקע בלעטעלעך דרימלען,
געשמאַק איז בײַ יעדן דער שלאָף, ווען ס׳הייבט אָן צו טאָגן אין פעלד.
און מיר דוכט זיך אויס, ווי עס גייט דורך מײַן אָפענעם פענצטער
ניט בלויז די פרישקייט פון בלויליכן קאַלטן באַגין,
נאָר עמעצער שעפּטשעט צו מיר און כ׳קלײַב ניט פאַנאַנדער די ווערטער,
איך פיל בלויז, ווי ס׳ציטערט, אַזוי ווי אַ סטרונע, זײַן שטים.
כאָטש דאָס קאָל איז מיר נאָענט, ביז גאָר אַזוי קענטלעך,
נאָר כ׳ווייס ניט, ווו האָב איך געהערט זי ניט איין מאָל אָט דאָ אינדערפֿרי.
קען זײַן, אַז דאָס איז דער שטערן דער זעלבער,
וואָס האָט זיך ווידער געווענדעט
מיט זײַן גערעכטיקער טײַנע צו מיר,
פאַרוואָס לעשט מען אויסעט זײַן ליכט צווישן שטערן?
פאַרוואָס שליסט מען אויסעט זײַן ליכט אַזוי פרי?
אויב ס׳איז אים באַשערט שוין פאַרלאָשן צו ווערן,
איז מיט אַלע צוזאַמען פאַרגיין אין באַגין.

* * *

א ניט־דערברענטע ליכט בענקט ניט נאָך קיין פײַער,
ווײַל פון פלאַמען גייט זי אויס
און ווערט ביסלעכווײַז פארלענדט,
נאָר מיר איר ליכטיקײַט איז נייטיק, טײַער.
ווען די שײַן לעשט אויס זיך אין מײַן שטיל געצעלט,
צעבלאָז איך ווידער ניט־דערברענטן פײַער,
קעדיי אין פינצטערניש ניט זײַן פארקלעמט,
א קליינינק פלעמעלע, נאָר ס׳איז מיר טײַער,
ווײַל כ׳זע, וואָס ס׳טוט זיך אף דער גרויסער וועלט.

איך הער, ווי ס׳זינגען מײַנע ביינער

ווען אין הארצן קומט א בענקשאפט,
ווי א שטויביקער געוויטער,
הער איך זינגען מײַנע ביינער.
ס׳דוכט, זיי שפּילן ווי אף סטרונעס,
אָך, ווי גליקלעך כ׳וואָלט געווען,
איך זאָל זײַן א קאָמפּאָזיטאָר
און פארשרײַבן אָט די קלאַנגען
מיט שווארצע נאָטן אף די שורעס.
אז ניט פארגעסן כ׳זאָל די ליידן
די אומזיסטע פון די אָוועס,
און יענע אויסגעקריצטע ווייען,
סײַ אף שטיינער, סײַ אף פּארמעט.
איך האָב מיט זיי דאָך אומגעוואנדערט
איבער דערנער, איבער כורוועס
און געהיט זיי פון אנטרינונג,
און מיט טרייסטונג זיי דערוואַרעמט.
כאָטש געווען בין איך ניט איין מאָל
אי הונגעריק, אי באָרוועס,
נאָר כ׳האָב פאר קיינעם ניט געקלאָגט זיך,
ניט געבעטן: האָט ראכמאָנעס.
כ׳האָב מײַן האָפענונג געטראָגן,
ווי א פלאַטערדיקע שווע,
ווי אן אָפּגעהיטן ניידער,
אז אויב אליין כ׳וועל ניט פארבלײַבן,
איז זאָל כאָטש בלײַבן דאָס געזאנג,
וואָס איז ארײַן אין מײַנע ביינער.

פרייד און קלוגשאפט

געבענטשט זאָל זײַן די מונטערקײַט, וואָס גייט פון טיפן הארצן,
געבענטשט זאָל זײַן די פריילעכקײַט, וואָס פרייט זיך ניט געקינצלט,
בלויז די פרייד די דאָזיקע איך כאָווע אין מײַן הארצן,
ווי גינען־שטראל א גאָלדענעם, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פארטונקלט,
אפילע ווען די וואָלקנס פארוויקלען אים אין שווארצן.
פאר דיר, מײַן פרייד מײַן ערלעכע, כ׳בין מאקריוו זיך אינגאנצן.
געבענטשט זאָל זײַן די כאָכמע, די זויבערע, באזוניקטע,
וואָס באקרוינט מיך און באכײַנט אונדז מיט פרײַהײַט און מיט וויסן,
איך פאראכט יענע ריידעלעך, די פלאכינקע, די ביליקע,
וואָס שיטן זיך פון פלוידער־זעק, אָן אָפשײַ, אָן געוויסן.
בענטש איך אָט די קלוגשאפט, וואָס לאָזט מיך ניט פארטיליקן,
בענטש איך אָט די פריילעכקײַט, וואָס כ׳קאָן פון איר געניסן.
פאר אָט דעם צווילינג דעם געבוירענעם
איך גיי די מוטער־ערד באגריסן.

* * *

כ׳האָב צעזעצט אַלע שויבן פון טרויער,
ציט אַ וואַרעמער צוג־ווינט פון פרייד,
איז פאַרוואָס זשע פאַרשליסטו דעם טויער
פאַר מיר שטילערהייט?
זאָל בלאָזן דער צוג־ווינט דורך שויבן
און זאָל ער פאַרנעמען מײַן לייד,
זאָל קומען צו פליִען, ווי טויבן,
דורך מײַנע צעבראָכענע שויבן
מײַן ווײַטע פאַרטריבענע פרייד.

טרויער

פון אַ טרויער ניט פאַרבעטענעם
איך באַהאַלט זיך שטענדיק אויס,
וואָס זשע קלאַפּט ער, איך זאָל אים עפענען
טיר און טויער פון מײַן הויז?
כ׳וויל מיט אים זיך ניט באַגעגענען,
קריכט ער ווידער, ווי א מויז.
ס׳האָט א טרויער ניט פאַרבעטענער
זיך פאַרגאַנוועט אין מײַן הויז.
פרעג איך אים און בעט בײַ אים:
וואָס ווילסטו פון מײַן לעבן?
דו קומסט א ניט געבעטענער
מיט פינצטערע געוועבן,
און פרעסט פון מײַנע גערטענער
די פריידן פון מײַן לעבן.
ענטפערט ער, דער טרויער, מיר
אף ציטעריקע סטרונעס:
ווען אומגליק שפּאַרט דורך טויערן
צו ערלעכע נעשאָמעס,
איז ווער וועט ניט באַדויערן,
איז ווער וועט דאַן ניט טרויערן
אף אומגליק פון אַלמאָנעס?
צי קאָן א האַרץ ניט טרויערן
נאָך ברידער אומגעקומענע?
צי וועסטו ניט דערמאָנען זיך

אין אלטע לײַט געפאנגענע,
צי װעסטו דען ניט טרויערן
נאָך שלאַכטלײַט די פארגאנגענע?
אוואדע װעסט ניט פרייען זיך,
אוואדע װעסטו טרויערן.
ס׳קאָן יעדער הארץ צעװײנען זיך,
ס׳קאָן יעדער הארץ באדויערן,
ביז אומזין קאָן איך פרייען זיך,
און װען מע דארף — אויך טרויערן.

* * *

עס טרעפט, מײַן פֿרײַנט,
מיט יעדערן פֿון אונדז,
דו ווילסט זיך אָנשפּאַרן אין יענעמס הילף,
דו גלייבסט אין איר,
ווי אין דײַן קראַפט דײַן אייגענער,
דו וואַרטסט,
דו האָפֿסט,
און טראַכטסט זיך אײַנדערשטיל:
אָט באַלד, אָט באַלד
וועט זי דיר ברענגען גוטס
און אופֿריכטן דאָס האַרץ דײַנס
דאָס פֿאַרשטיינערטע.
דו לאָזט זיך גיין
מיט שטאָלצקייט אין דער ברוסט,
און אפֿן וועג באַגעגנסטו
צוויי עמער ליידיקע.

ווײַל שיין איז די וועלט

אָנטרינקען כ׳וויל זיך מיט ליבע,
מיט זויבערע קוואלן פון וועלט,
די שוועלן פון פרײַנטשאפט אריבער,
פארלאָזן דעם אָפגרונט פון קעלט.
כ׳וויל זאמלען די בלי̇ונג פון בוימער,
די גוטסקײַט פון אייגענער ערד,
כ׳וויל זײַן אינעם לעבן א שוימער,
קיין גליק זאָל ניט ווערן צעשטערט.
פארהיטן כ׳וויל ברייטקײַט פון פליגל,
צו פלי̇ען אין אָפענער ווײַט,
און טראָגן די שטיינער און ציגל
פאר אָנקום פון גליקלעכער צײַט.
פאר זויבערער קלאָרקײַט פון פריידן,
פאר דער טײַערער שיינקײַט פון יאם,
ווער קען דען די שטערן צעשיידן
אין זייער באנאכטיקן פלאם,
וואָס טראָגן צוזאמען פאר מענטשן
די שעפע פון זויבערן בלוי.
די וועלט פאר איר יונגקײַט כ׳וועל בענטשן,
וואָס ווערט ניט געעלטערט און גרוי,
און כ׳טראָג זיך מיט אָפענע אויגן
דורך שײַן און דורך פראָסטיקער קעלט,
און זיכער און העל איז מײַן גלויבן,
ווי ליכטיק, ווי שיין ס׳איז די וועלט.

נעפּלען

װען נעפּלען פֿאַרשטעלן די אויגן,
און כ׳זע ניט די קלאָרקײַט פֿון טײַך,
דאַן פֿרעג איך: װער איז דאָרט געפֿלויגן,
װער טרינקט עס דעם זױבער פֿון טײַך?
װער יאָגט זיך אַף כװאַליעס, װי רײַטער
מיט פֿינצטערע שװערדן באַנאַכט,
װער װיל עס פֿאַרלעשן מײַן שײַטער,
פֿאַר װעלכן כ׳האָב צװײַגלעך געבראַכט?
װער בױטעט די װאַסער די קלאָרע
באַם שטילן, באַם זאַמדיקן ברעג,
װער טראָגט עס אין האַרצן אַ קלאָלע,
דעם ציטער פֿון טונקעלער שרעק?
װער טראָגט אין באַהעלטעניש שטילער
אין האַרצן אַ בלוטיקע שװערד?
מײַן ליבשאַפֿט צו נאָענטע ברידער
װער טרײַבט, װי אַ שאָף אַף דער ערד?
דערהער איך אַ שטים אַ פֿאַרשײַטע,
דעם ליכטיקן אָטעם פֿון פֿרײד,
עס לאָקערט דער סוינע פֿונװײַטנס,
נאָך פֿרײַנטשאַפֿט ער שפּירט שטילערהײט.

* * *

וואָס גרעסער דײַן מיטלײַד צו מיר,
אַלץ שטאַרקער צעשרײַט זיך מײַן וויי,
דורך מײַן לײַב גייט אַדורך אַ געפּריר,
און אין האַרצן פאַלט אויסעט אַ שניי.
ווײַל דו קוקסט מיט ראַכמאָנעס אויף מיר,
טוט מיר וויי, טוט מיר וויי, טוט מיר וויי.
ביז אומזין דײַן מיטלײַד כ'האָב פײַנט,
דײַן קומען מײַן גורל באַקלאָגן.
איך בין שטאַרק, איך בין פעסט, ווי מײַן הײַנט,
און איך קאָן אויף די אַקסלען דערטראָגן
די גאַנצענע שווינקײַט פון דער ערד,
דעם ליכטיקן זויבער פון טאָגן,
איך קאָן אים דורך אָפּגרונטן טראָגן,
און מײַן האַרץ וועט ניט ווערן צעשטערט,
ווײַל איך בין שטאַרק, כ'בין פעסט, ווי די ערד.

* * *

איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט און זאָרגט פאַר יענעם,
דאָס זעלבע האַרץ פאַר זיך אַליין אויך זאָרגט,
נאָר ווען אָפּוועגן דיליידן און זאָרגן זאָל איך קענען
אַף וואָגשאָלן פון יושער, וואָס די וועלט מײַנע פאַרמאָגט,
קיין געוויכט וואָלט ניט געקלעקט אַף אָפּצוּוועגן זאָרגן
און די ליידן פאַר מײַן היימלאַנד און דעם ווייטעק פאַר מײַן היים,
ווען דאָס האַרץ מײַנס זאָל ניט קרענקען
פאַר רוסלאַנדס העלן מאָרגן, —
אויסגערונען וואָלט עס שטיל פון זיך אַליין.

* * *

וועסטו זען א שויב פֿאַרלאָשן,
ווי אַן אויסגערונען אויג,
צווישן אַנדערע פֿאַרשאָטן
מיט אַ טונקל־גרויען שטויב, —
לאָז זיך גלײַך אַוועק אַהינצו,
האָב ניט מוירע, וואָס ס׳איז פֿינצטער,
צינד אָן פֿײַער אין דער שויב.
זײַ אַ דינער אַ געטרײַער,
צו דער צײַט זאָלסט ברענגען פֿײַער,
דאָרט, וווּ ס׳לעשט זיך אויס אַ שויב.
וועסטו זען אַ צווײַג צעבראָכן
פֿון אַ מוירעדיקן ווינט,
שוין אַרומגעלייגט מיט מאָכן,
וויפֿל יאָרן, וויפֿל וואָכן,
און די גרינקײַט שוין אַנטרינט, —
זאָלסטו טעג און נעכט ניט שלאָפֿן,
זאָלסט נאָר היילן אירע ווּנדן,
ביז דערהערן וועסט ניט ווידער
פֿרישע פֿרילינגדיקע שאָרכן
פֿון דער צווײַג, וואָס גרינט.
וועסטו זען אַ האַרץ אַן ערלעכס,
ווי עס פֿײַניקט זיך פֿון לייד,
און עס נאָגט, עס בענקט געפֿערלעך

נאָך אוועקגערויבטער פרייד, —
גיי אוועק צו יענע גערטנער,
וועסט דאָרט אָפּזוכן מײַן בייט,
ווו פארפלאַנצט האָב איך אַף שטענדיק
פאר א הארץ, וואָס לײַדט געפערלעך,
אזא זויבערדיקע פרייד.

* * *

ניט אַלץ, וואָס בלישטשעט, איז דאָך גאָלד,
ניט אַלץ, וואָס פינקלט, איז מיר טײַער,
די שײַן פון שטערן האָב איך האָלט,
כ׳האָב ליב פון זונען־שײַן דאָס פײַער,
כ׳האָב ליב דעם אָוונט אין מײַן הויז,
די העלע נאַכטיקע געוועבן,
ווען די לעוואָנע גייט אַרויס
מיט איר פּילליכטיקײַט אין לעבן.
און איך גיי אום זיך אַזוי שטאָלץ,
באַטראַכט די שאָטנדיקע ווינקלען,
און כ׳זע די פולע שטיקלעך האָלץ,
ווי קליינע שטערנדלעך צעפינקלען.
זיי לויכטן שטענדיק אין דער נאַכט,
זיי פינקלען בלוילעך פונדערווײַטנס,
דאָס האָלץ פון נאָענט איך באַטראַכט,
איך זע, ווי ס׳פוילט פון אַלע זײַטן.
נאָר שטענדיק בלישטשעט עס, ווי גאָלד,
אין אָוונט פינקלט עס, ווי פײַער,
ניט אַלץ, וואָס בלישטשעט, האָב איך האָלט,
ניט אַלץ, וואָס פינקלט, איז מיר טײַער.

* * *

ווי נאָר די אויגן כ׳עפן אוף,
כאפן אוף זיך אין מײַן הארצן די געזאנגען,
און יעדער ניגן עפּעס מאָנט,
וועקט אין מיר און רופט,
שפּרייט אין מיר אן אופגאנג פון פארלאנגען.
צו שטראַלן פון מײַן דיכטונג
זיי העלפן מיר דערלאנגען.
נאָר אויב עס טרעפט אמאָל, אז עמעצער צעשטערט
דעם אײַנגעגבאקטן ניגן פון מײַן הארצן,
געפין איך זיי די סטרונעס אף דער ערד,
צעהאנגען אף פרילינגדיקע פלאנצן,
און ווידער זינג איך אויסעט פאר דער וועלט
מײַן פאָלקס־ניגן, געדעכטיקן אינגאנצן.

דער שוים פארגייט

איך ווייס, אז פאר מיר איז אויך טרייסט דאָ פאראַן,
אין יאמיקן רוישן איז ליבשאפט מיר אויכעט געגעבן,
ווען כוואליעס צעבויטען די שטילקייט פון יאם,
דוכט זיך מיר אויס, אז עס זינגען די ברעגן.
עס פליִען די מעוועס מיט פליגלען צעשפּרייט,
אף ווייסינקע פליגלען דעם שטורעם זיי טראָגן,
אויך איך האָב איצט פליגלען פאר שטורעמס פארגרייט,
כ'זאל קאָנען די כוואליעס דעריאָגן.
דעם יאם האָב איך ליב פאר זיין גרויזאמער ברייט,
די ווינטן, וואָס בויטען זיין שווייגן,
כ'הער ריידן די כוואליעס אין יאם שטילערהייט,
דער שוים וועט פארגיין, און די קלאָרקייט וועט בלייבן.

* * *

ריידן איז זילבער, און שוויַיגן איז גאָלד, —
אזוי זאָגט דאָס ווערטל, אזוי זאָגט דאָס פאָלק.
דאָס פאָלק האָב איך ליב, און דאָס פאָלק איז מיר טיַיער,
מיַין הארץ איז דעם שטענדיק א דינער א טריַיער.
נאָר איצט וויל איך זאָגן אן אנדער געדאנק —
אָט דאָס, וואָס איך טראָג אין מיַין שטילן פארלאנג:
כ׳וויל זאָגן פאר די, וועמען גליק ס׳איז באשערט:
איר זאָלט ניט פארשוויַיגן קיין פאלשקיַיט אף דר׳ערד!
זאָג שטענדיק דעם עמעס דעם אייגענעם פאָלק!
אויב שוויַיגן איז זילבער, איז ריידן גינגאָלד!

דער צווילינג

ווער איז די מוטער פון „אַך" און „ווײ"
און ווער האָט געבוירן דעם דאָזיקן צווילינג? —
ווען איך וואָלט דערהערט זײער ערשטן געשרײ,
באַם ראַנד פון געבורט וואָלט איך בײדע פאַרטיליקט.

* * *

איך לייג זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם,
די וועלט באטראכט איך שטענדיק זייער ניכטער,
מיט אויגן אָפענע איך זע דאָס לעבן, ווי א דיכטער,
איך זע די קרוינען־הויך פון שענסטעביימער,
איך הער דאָס וואקסן פון די קלענסטע גראָזן,
כ׳פיל מיט די בלעטער, וועלכע וועלקן
און ווילן ניט די צווייגן־היים פארלאָזן.
אלע פייגעלעך צעטרייב איך פון מײַן בוזעם,
נאָר איך לייג זיך ניט קיין שטיינער אפן הארצן,
איך טו ניט אָן קיין פענטעס אף מײַן מוזע,
כ׳האָב ניט מוירע, זי זאָל קריכן אין קיין שאָדן
און פארטאָפּטשען אף די בייטן מײַנע פלאנצן,
וואָס כ׳האָב יעדן פרי מיט טויען אויסגעבאָדן,
און געכאָוועט מיט דער ווארעמקייט פון הארצן.
אלע פייגעלעך צעטרייב איך פון מײַן בוזעם,
און די שטיינער פון מײַן טרויער
כ׳ווארף ארויסעט פון מײַן הארצן.

* * *

עס דאַרט און ס׳קוואַרט דער בוים,
זײַן שטאַם ווערט אײַנגעטריקנט,
די קאָרע־קלייד זי האַלט זיך קוים
אויף זײַן אויסגעקרימטן רוקן.
קיין פּרוכטן גיט ניט מער דער בוים,
הענגען צווײַגן אויסגעליידיקט,
און כאָטש ער האַלט זיך אויף די וואָרצלען קוים,
נאָר מער פון אַלעמען ראַשט דער פוסטער בוים,
וואָס גיט קיין פרוכטן ניט פאַר קיינעם.



IV

נאָר מײַן ליבע גייט ניט אויס



מעטעאָר

וועז איך זע באַנאַכט אין הימל,
ווי עס פֿאַלט אַ מעטעאָר,
דוכט מיר אויס, איך הער אַ טומל,
איך הער מע ראַנגלט זיך אין הימל,
כאָטש די הייך איז שטיל און קלאָר.
וואָס זשע קומט עס דאָרטן פֿאָר?
עפּשער ראַנגלט זיך אַ שטערן
אין אַ פֿײַערדיקער שלאַכט,
עפּשער גייט זײַן ליכט דאָרט אויסעט
און זײַן גוורע צאַנקט באַנאַכט?
נאָר דער שטערן צאַנקט און גויסעט,
און זײַן ליכט זי לעשט זיך אויסעט.
ווערט אַ טומל, אַ געווימל,
און דער שטערן פֿאַלט פֿון הימל
אין טיפֿן אָפּגרונט פֿון דער נאַכט.

אָט די ווײַסקײַט פון שניי

אָט די ווײַסקײַט פון שניי, וואָס באַפאַלט דיך,
מאכט מילדער נאָך מער דײַן געזיכט,
איז ווארעם מיך אָן מיט דײַן קאַלטקײַט,
מיט דײַן שנייִיקן כיין,
וואָס באַפרידט און באַצירט
אי די האָר, אי די וויִעס און ברעמען,
אי די אויגן, וואָס ווערן פון שניי
מערער נאָך שווארץ.
אָט די פראָסטיקע רויטקײַט,
וואָס וויל דיך פארשעמען,
זי רעגט מיך, זי רופט מיך,
זי וועקט מיר מײַן הארץ.
בלויז צו דיר, בלויז צו יונגקײַט צו דײַנער,
וואָס איך האָב שוין איינמאָל,
ווי דו, אויך פאַרמאָגט,
נאָר אוועק איז מײַן יוגנט,
ווי בודיאָניס א רײַטער,
וואָס צוריק וועט ניט קומען,
אין די שלאכטן פאַריאָגט.
איז פאַרוואָס זשע באַזײַטיקט
דײַן בליק זיך אלץ ווײַטער
און ווילסט ניט באַמערקן מײַן הארץ,
ווען עס פלאָגט?
דו געדענק, אז מײַן הארץ איז מיט דיר

אונ מיט מיר דײַן פֿארװינטערטע מילדקײַט,
װאָס פֿרירט און װאָס ברענט.
כ׳װיל דער װינט זאָל צעטראָגן די שטילקײַט,
צעװייען די װײַסקײַט, װאָס באצירט דײַן געשטאלט.
צונױפֿקלײַבן װעל איך
דײַן צעשאָטענע מילדקײַט
מיט ליבשאפֿט, װאָס האָסט מיר אהערצו געבראכט.

* * *

ער האָט קיין ערשטע ליבע ניט געהאט,
האָט ער געטראכט, עפּשער קומען וועט א צווייטע,
איז קיין צווייטע ניט געקומען אויך צו אים,
גייט זײַן הארץ אין איינזאמקײַט ארום,
בלאָנקעט צווישן פעלדער שוין פארזייטע,
ווי א בלעטל א פארלוירנס פון דער צווײַג,
ווען דער הארבסט האָט עס געפאנגען.
באָר א האָפענונג אין הארצן בא אים בלײַבט:
ניט אלץ פארלוירן ווערט
פון דעם, וואָס איז פארגאנגען.

* * *

כאָטש מיר זײַנען שטענדיק צוזאַמען אַמערסטן,
זעלטן־ווען זײַנען מיר ביידע צעשיידט,
נאָר אָפט דוכט מיר אויס, אַז טויזנטער ווערסטן
האָבן אונדז ווידער מיט יאָמען צעטיילט.
און ווײַט אַזוי, ווײַט ביסט אַליין דאָרט אָן מיר,
אַזוי ווי דער עכאָ איז ווײַט פון מײַן קאָל,
דאַן לאָז איך אַוועק זיך אין וואַלד אַרײַן פרי,
וווּ ס׳דרעמלען די גראָזן די ווייכע, ווי וואָל.
איך פּרוּוו אַ געשריי טאָן אין ליידיקן וואַלד,
עפּשער דו וועסט דערהערן מײַן ווײַטן אַאוּ,
כאַזערט דאָס ווידערקאָל איבער מײַן גוואַלד
און זאָגט, אַז אין וואַלד איז נאָך קיינער ניטאָ.
דריי איך זיך אום צווישן טויִקע גראָזן,
און כ׳פֿיל, ווי מײַן בענקשאַפט פון האַרצן פֿאַרשווימט,
עס וועט דאָך דער עכאָ מײַן קאָל ניט פֿאַרלאָזן,
אין ענטפער אין זײַנעם זוך איך איר שטים,
כאָטש איך האָב אַליין בלויז געשריִען צו אים.

* * *

זײַ געזונט, מײַן טרוים, דו, מײַן באשיידענער,
כ'האָב אָפּגעלעבט מיט דיר בישכיינעס זייער לאנג,
דערפאר ביסטו געוואָרן מיר נעענטער און אייגענער
און ליגסט אין הארץ מײַנעם פארנעסטעט
און פארמויערט אין געדאנק.
איז שיידן זיך מיט דיר טוט מיר זייער באנק.
נאָר וואָס זשע זאָל איך טאָן, אז מײַן טרוים איז
ניט קיין ווירקלעכער,
מײַן געגארטע איז אוועק פון מיר שוין זייער לאנג,
פארלעש איך יעדן פונק פון מײַן פארלאנג.
און כ'וויל נאָך איר ניט בענקען,
כאָטש זי טוט מיר זייער באנק.

* * *

א ברונעם שעפּט זיך אויס,
א זונען־שטראַל צעפּאַלט זיך,
נאָר מײַן ליבע גייט ניט אויס,
מיט יאָרן זי פאַרשטאַרקט זיך.
פון וועלקן שטאַרבט א רויז,
אין פעלד זי ליגט אָן לאָשן,
אין האַרץ א ליד וואַקסט אויס,
פון ווינט ווערט ניט פאַרלאָשן.

א שמייכל

די קוקסט אַף מיר מיט מילדן בליק,
א פרײַנטשאפט שמייכלט אין דײַן אויג,
מיר דוכט, ביסט זאָרגזאם פאר מײַן גליק,
דײַן וואָרט איז מילדער פון א טויב.
דו קוקסט אַף מיר מיט צארטן כיין
און טרייסט מיט פרײַנטשאפט מײַן געפיל,
נאָר בלײַב איך שטיין מיט זיך אליין,
דערשרעקט מײַן הארץ זיך אינדערשטיל.
דאן זוך איך מילדקײַט אין דײַן בליק,
די דינע שמייכלען אין דײַן אויג,
ווי שניי צעגאנגען איז דאָס גליק,
צעזייט איז פרײַנטשאפט, ווי דער שטויב.
און ס'טוט א ביס די בייזע בין,
דער ווינט פון צווייפל טוט א פאָך,
איך זוך דײַן שמייכל און געפין,
אז אויך א שמייכל האָט א טאָך.

א טרער

ווער האָט פֿאַרהאַלטן זי, ווער?
יענע שווערע פֿאַרשפּעטיקטע טרער,
וואָס גֿעלאָזט האָט אין וועג זיך צופֿוס
גיין אַזאַ ווײַטן מעהאַלעך
און ברענגען אַ שטיקעלע גרוס
פֿון מײַן ליבע מײַן ערשטער, וואָס איז זיך צעפֿאַלן.
קאָן זײַן אַז דורך איר וואָלט איך איצט זיך דערוווּסט
און דערקענט יענע אויגן, וואָס האָבן, ווי שטראַלן,
געקוקט אַף מיר מילד, און אָפֿט מיט אַ גלײַכגילט אַ קאַלטן
באַגעגנט מײַן בליק, ווען איך בין געקומען צו איר,
און זי האָט זיך שטיל צווישן שאָטנס באַהאַלטן.
איז ווער האָט פֿאַרהאַלטן די דאָזיקע טרער?
עפּשער זי וואָלט מײַן האַרץ גאָר געטרייסט,
דערציילט גאָר אַזוינס עפּעס אויסערגעוויינלעכס,
אַז אומקערן ווילט זיך איר ליבע צו מיר,
ווײַל זי האָט נאָך ליבע, ווי איך, איצט פֿאַרבענקט זיך.
וועל איך גיין און וועל זוכן יענע לויטערע טרער,
מיט אויגן פֿאַרגלויבטע, אַזוי ווי אַ מאַלעך,
כאָטש איך ווייס, אַז געפֿינען וועט זײַן שווער,
נאָר זוכן איך וועל די פֿאַרשפּעטיקטע טרער,
וואָס געלאָזט האָט זיך גיין אַזאַ ווײַטן מעהאַלעך.

* * *

ניט קיין שטערן פֿאַלט אין אָפּגרונט,
עס פֿאַלט מײַן האַרץ אַף אירע הענט,
מיט פֿליגלען שטאַרקע פֿון מײַן יוגנט
בין איך שוין אויסגעוועוּ אַ וועלט,
נאָר איצט געקומען כ'בין איר זאָגן,
אַז כ'וועל דורך אָפּגרונטן דערטראָגן
אַלץ, וואָס איר געפֿעלט.

* * *

אָנגעצונדן האָט דער וואלד זײַן קאַלטן גרינעם פײַער
און געעפנט זײַנע וועגן אי פאַר מיר, אי פאַר מײַן טרײַער.
קום איך אָפּט צו גיין אַהערצו, צו מײַן ווינקעלע מײַן שטענדיקס,
בעט זיך אויסעט א געלעגער פון די גראָזן לעם די צעדערס.
כ׳עפן ברייטער מײַנע אויגן — כ׳זאָל דערזען די וועלט אינגאנצן,
און א זעונג אזא ווײַטע ברענגט א בענקשאפט אין מײַן הארצן.
ס׳דוכט מיר אויסעט, מײַן געליבטע זיצט פארזונקען אין א שווײַגן,
און מיט וואָרעמקײַט מיט מילדער עס פארוויגן זי די צווײַגן.
אירע האָר זײַנען צעשויבערט, צווישן בלעטער זיך פארפלאָנטערט,
און זי קוקט אף מיר פארכידעשט, און דאָס קאָל מײַנס זי דערקאָנט ניט.
כ׳קוק זיך אײַנעט: אין די קוסטעס, ווו מיר דוכט, זי איז געזעסן.
שטארצט א פניאָק אן אָפּגעברענטער, וואָס האָט שוין די קרוין פארגעסן.

* * *

אין די שוואַרצאַפּלען דײַנע די פאַרבענקטע
האָב איך זיך אַליין ווי אין אַ שפּיגעלע דערזען,
בעט איך זי, די אויגן ניט פאַרהענגען,
זי זאָל דאָס אויגן־שפּיגעלע מיר שענקען,
ווען מײַן האַרץ וועט נאָך איר בענקען,
איך זאָל קענען ווידער זיך דערזען,
ווי איך בלאָנקע אום אין אירע שפּיגלענדיקע אויגן,
נאָר זי אין מײַנע אויגן איז קיין איין מאָל ניט געווען.

אף דעם פּאָלוסטאַנעק

ס׳האָט דער שנעלצוג געײַלט און איז פאַרבײַ איר
פּאָלוסטאַנעק,
אף גרויסע סטאַנציעס ער שטעלט זיך אָפּעט בלויז,
נאָר זי מיט האָפענונג איז געשטאַנען אפן גאַנעק
און ארויסגעקוקט מיט בענקשאַפט לעם איר הויז.
עפּשער איצט וועט איר געגאַרטער זיך א וואָרף טאָן אין
איר שויס.
נאָר דער שנעלצוג איז פאַרבײַ איר פּאָלוסטאַנעק,
האָט זי פאַמעלעך זיך אראָפּגעלאָזט פון גאַנעק,
אַן עמער וואַסער אָנגעשעפּט פון ברונעם,
אראָפּגעשווענקט די זאָרגן פונעם פּאָנעם
און באַגאָסן אַלע בלומען, וועלכע וואַרטן אויך אף אים.
מעגן שנעלצוגן זיך יאָגן פאַרבײַ איר פּאָלוסטאַנעק,
אַלציינס וועט זי ארויסגיין יעדן אָוונט אפן גאַנעק,
מיט צאָרן מיט פאַרלאָפענעם אין בליק,
זי גלייבט זיך ניט, אַז ער איז אומגעקומען
און אַז ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק.
שטייען שטענדיק אין איר צימער רויטע, ווײַסע בלומען
און פלאַקערן, ווי פײַערדיקע ליכט.

* * *

כ׳וועל ניט אָפּשטעלן דײַן יאָגנדיקן שווינד,
דײַן אוועקגאַנג וועל איך ניט פאַרהאַלטן,
ווי ס׳פאַרהאַלט אַ מוטער באַ דער שוועל איר קינד
און לאָזט עס ניט אַרויסלויפן אין דרויסן
פליושקען זיך אין קאַליוזשעס אין קאַלטע,
ווען מיט טרערנדיקן צאַפּל ניט פאַרצאַמטן
רײַסט עס אַלץ די טיר מיט אַ רויִקע אײַנגעשפּאַרטן.
איז גיי!
דײַן אוועקגאַנג וועל איך ניט אָפּשטעלן אַצינד,
און נאָכגיין וועל איך ניט נאָך דיר,
כ׳וועל ניט נאָכטראָגן דאָס טעלערל מיט טרייסט
און בעטן, זאָלסט צוריק זיך אומקערן צו מיר.
נאָר אויב ביסט זיכער און דו ווייסט
אַף אַ וועלכן וועג דו לאָזסט זיך
און וווּהין דו גייסט,
און אַז ס׳וועט דער איינזאַם דיך ניט פּײַניקן,
די בענקשאַפט וועט דײַן האַרץ דיר ניט צעשפּאַלטן,
ווי אַן עפּל, וואָס צעשפּאַלט זיך,
ווען ער פאַלט אַף דר׳ערד פון בוים,
איז גיי, און ווער ניט מיד,
ווי ס׳ווערט ניט מיד אַ יוגנטלעכער טרוים
אין דער באַלאַגערונג אַף טריט און שריט,
פון וויוגעס פון צעבושעוועטע, בייזע,

ווי ס׳ווערט ניט מיד א צווײַג פון יענעם בוים,
ווען שטורעמס רײַסן שטיקער פון זײַן ביינערדיקן לײַב,
און פון די מײַלער זעצט א וואָיעניש מיט שוים,
נאָר אַף דעם בוים די צווײַג פארבלײַבט
און דינט דעם וואלד זײַנעם געטרײַ.
ווילסט גיין? איז גיי,
כ׳וועל ניט פארקערעווען פון די וועגן דײַן פארלאנג,
נאָר כ׳וואָלט וועלן, אז געדענקען זאָלסטו איינס,
אז יעדער דײַן צוריקוועגס טוט מיר וויי,
ווײַל יעטווידער צוריקוועגס איז געגליכן צו פארגאנג.

פאַרטאָג

פון אופגאנג א ווארעמע מילדקייט
באגילדעט מיט פייער מיין שויב,
פון לאנד די פארטאָגיקע שטילקייט
איך היט, ווי דאָס אפל פון אויג.
דעם קיילעך פון זון כ׳וואָלט פארגרעסערט,
פארלענגערט איר אופגאנג, איר הויך,
איר פייער זאָל פלאקערן בעסער,
א פייער, וואָס ברענגט ניט קיין רויך.
און זאָל זיך מיין ליכטיקייט ציִען
אף רוסלאנדס צעוואָרפענער ברייט,
זאָל דויערן מער דאָס שאריִען,
זאָל שיינען מיין איינציקע פרייד.
קומט, ווארעמע שטראלן, ווי שוועסטער,
קומט כאָוועז מט בליִונג דאָס פעלד;
דעם קיילעך פון זון כ׳וואָלט פארגרעסערט,
צעבלאָזן זיין פלאם פאר דער וועלט.

V

גיב א קוק, ווי שיין און ווי פּרעכטיק



אלטײַער בערג

צום ערשטן מאָל פֿאָר איך באַטראַכטן די טײַגע,
דורך זומפּן עס גייט מײַן פֿאַרהאָרעוועט פֿערד.
מיר דוכט, אַז אָט דאָ איז געבוירן דאָס שווײַגן,
נאָר דאָ קען מען פֿילן די שטילקייט פֿון דר׳ערד.
עס נעמט מיר אַרום אַזאַ גרויליקער ציטער
פֿאַר שווערע ניסיוינעס, וואָס שטייען מיר פֿאָר,
פֿאַר וואָלקנס, וואָס גרייטן אַ ווילדן געוויטער,
פֿאַר וועגן, וואָס זײַנען אי אומקלאָר, אי קלאָר.
מיר פֿאָרן און שטעלן ניט אָפּ אונדזער רײַזע,
כאָטש איך זע, ווי אין נאַסקייט מײַן פֿערד
ווערט געווייקט,
נאָר פּלוצעם דערזע איך די בערג־שפּיץ די ווײַסע,
די זון ווי פֿאַרפֿרוירן אין הימל פֿאַרגייט.
ווי וווּנדערלעך שיין זעען אויס אָט די פֿאַרבן.
מיט אויגן פֿאַרגאַפֿטע פֿאַרקוק איך זיך ווײַט,
די דאָזיקע שיינקייט קאָן קיינמאָל ניט שטאַרבן,
זי לעבט אין לעגענדעס, זי לעבט אין מײַן צײַט.
און איך פֿיל, ווי ס׳ווערט אין מײַן האַרצן געבוירן
אַ מעכטיקע ליבע צום דאָזיקן קאַנט,
און אויב כ׳האָב אַמאָל זיך געפֿילט דאָ פֿאַרלוירן,
איז ווער איך אַליין פֿאַר ביזאָיען פֿאַרפּלאָנטעט.
פֿאַרגיב מיר, אַלטײַ, פֿאַר מײַן ציטער און צווייפֿל,
וואָס האָבן אין טײַגע אַמאָל מיך באַגלייט.

געזאָגט האָט מיר שטענדיק מײַן רוזיקער סייכל —
דורך שווערע ניסיוינעס קומט אָנעט די פרייד.
כ׳האָב ווײַטער געשפּאַנט דורך די באַרגיקע וועגן
און ווידער געזען דײַנע אויצרעס מיט ליכט.
איך האָב אים געטראָגן, מײַן רוקזאַק מײַן שווערן,
און ס׳האָט מיך דײַן שיינקײַט דורך וווּנדער געפירט.
זי האָט מיך געפירט צו די ליכטיקע ברעגן.
צו קוואלן, צו קאַלטע, וואָס שלאָגן פון בערג,
און איך בין געגאַנגען דורך טויזנטער וועגן
און כ׳האָב ניט געזען קיין סאָף פון דער ערד.

2

שטייט אַ יורטע אײַנגעבויגן,
ווי אַן אַלטע צווײַג,
און אַ מיידל אַזאַ שוואַרצע
לעם דער יורטע שווײַגט.
וויל איך בעטן בא דעם מיידל,
זי זאָל גיין מיט מיר,
איז דאָס מיידל גלײַך פאַרשוווּנדן
און פאַרהאַקט די טיר.
ס׳איז דײַן יורטע דאָך צעבראָכן,
קום אַרויס,
זאָגט דאָס מיידל: קאָנסט נאָר הערן,
וואָס איך שפּיל איצט אויס.
אין מײַן ליד וועסטו דערפילן,
וואָס איך וויל,
ווי מײַן האַרץ האָט אומגעבלאָנקעט
אין דער טײַגע שטיל,
אומגעבלאָנקעט און געוואַנדערט
צווישן פיכטעס לאַנג,
און אין האַרץ בא זיך געטראָגן
פון מײַן בענקשאַפט אַ געזאַנג.

6*

האָט דער וואַלד מיך ניט פֿאַרשטאַנען,
ניט געפֿילט מײַן וויי,
זיבן פֿרילינגס, כ'האָב געבלאָנקעט,
זיבן ווינטערס אינעם שניי.
אויסגעגאַנגען אַלע וועגן,
וויפֿל כ'האָב געקאָנט,
און זײַן נאָמען אין דער טײַגע
האָב איך יעדן מאָל דערמאָנט.
עפּשער האָט איר ווו באַגעגנט
גיין אַ יעגער מיט אַ ביקס?
ענטפֿערט מיר אַן אַלטער צעדער:
גייסט אים זוכן, נאָר אומזיסט.
ער איז לאַנג שוין אומגעקומען
לעם דעם ווילדן טײַך קאַטון,
נאָר אַן איידעס איז פֿאַרבליבן
די אַלטײַער זון.
זי נאָר איינע קאָן דערציילן
פֿון זײַן שווערן טויט,
מיט זײַן בלוט דעם הימל פֿאַרבט זי
און דעם אופֿגאַנג מאַכט זי רויט.
האָט דאָס מיידל זיך דערשראָקן
און זי ווייסט ניט, וואָס צו טאָן,
ביז פֿאַרטאָג וועט זי דאָ וואַרטן
און וועט פֿרעגן בײַ דער זון.
זאָל זי זאָגן איר דעם עמעס,
וועט זי גיין אַהיים,
נאָר די זון האָט אונטער כמאַרעס
זיך געשלעפּט דאָרט, ווי אַ שטיין.
האָט דאָס מיידל אומגעוואַנדערט
און געבלאָנדזשעט שטיל,
און צוריק אַהיים געגאַנגען
מיט אַ שווער געפֿיל.
זיבן טײַכן דורכגעשוווּמען,
זיבן פֿרילינגס דורכגעלעבט,

פלוצעם זעט זי, ווי א פויגל
צו איר יורטע שוועבט.
זי די פענצטער האָט געעפנט
און דערזען פון ווײַט,
ווי איר ליבער דורך די טאָלן
אף א פערד א פלינקן רײַט.
איז דאָס מיידל אים אנטקעגן
פון דער שטוב ארויס,
און זי זעט, ווי איר געגארטער
טראָגט אין האנט א רויז.
— זאָג, וואָס האָסטו זיך דערשראָקן,
וואָס איר פארב איז רויט?
כ׳טראָג דאָס בלוט פון דײַנע ברידער,
יעדעס בלעטעלע איז רויט.
אומגעקומען זײַנען יעגער
אין א שווערן שלאכט.
דאָס איז בלוט פון אונדזער אופגאנג
האָב איך דיר געבראכט.

3

גרויס איז דער טײַך, ער איז ברייט און איז טיף,
נאָר איך בין געשוווּמען אף אים אָן א שיף.
מיר האָבן געמאכט זיך א הילצערנעם פליט
און זײַנען געשוווּמען פאמעלעך, געהיט.
מיר זײַנען געשוווּמען באגלײַך מיטן שטראָם,
און איבער די שוועלן מיר שווימען געשווינד,
אין הארצן לויפט דורך א דערשראָקענער ווינט.
עס פירט אונדז א לאָצמאן, וואָס איז שוין געניט,
ער פילט יעדן שטראָם, ווען ער שטייט אפן פליט.
איז פיר אונדז, דו לאָצמאן, און ברענג אונדז אהיים,
נאָר זע ניט פארטשעפּע דײַן פליט אין א שטיין.
איז פיר אונדז, דו לאָצמאן, און ברענג אונדז צום ברעג,
כאָטש שיין איז מײַן רײַזע, נאָר שווער איז דער וועג.

באגעגענען מיך פעלדזן אינמיטן דעם טײַך,
דאַן דוכט מיר, דער פליט וועט צעשפּאַלטן זיך גלײַך.
נאָר איך ווייס, אַז דער לאַצמאַן ער איז דאָך געניט,
איז זיך איך זיך רויִק בײַ מיר אַפן פליט.
איך לייג אונטער צווײַגלעך צום שײַטער, וואָס ברענט,
און ס׳פאַלן די פונקען צו מיר אַף די הענט.
א קעסעלע טיי זיד איך אויף פּאַר א פרוי,
וואָס רעדט ניט מיט קיינעם, זי זיצט זיך אַזוי,
פאַר אומעט זי לישטשעט פון צעדער די ניס,
פון שאָלעכץ וואַקסט אויסעט א בערגעלע מיסט.
מיט טײַך־וואַסער שטילט זי דעם דאָרשט פון איר האַרץ,
ווי צעדער־ניס ברוינע איר פּאָנעם איז שוואַרץ.
און אונטער די ברעמען צוויי אויגן ווי גאָלד,
וואָס טראָגן די שיינקײַט, דעם שטאָלץ פון איר פאָלק.
איך טראָג צו איר נאָענט דאָס קעסעלע טיי.
— נעם, מיידל, דערוואַרעם, דײַן האַרץ איז ווי שניי.
נעם צו פון מײַן האַנט מײַן באַשיידן געשאַנק,
זי נעמט ניט די טיי, נאָר זי זאָגט מיר א דאַנק.
אַרום זײַנען וועלדער בלויז, פעלדזן און בערג,
איז וועמען זשע זוכסטו אַצינד אף דער ערד?
אַרום איז דער הימל נאָר כמאַריק און גרוי,
כ׳זיך נאָענט לעם איר און איך בענק נאָך א פרוי.

4

אַלע שלאָפן שוין פון לאַנג,
נאָר איך איינער בלאָנקע אום,
און עס טוט מיר זייער באַנק,
וואָס פאַרגאַנגען איז די זון.
זאָל וואָס גיכער נעמען טאָגן,
כ׳זאָל ניט אומגיין מער אַליין,
ס׳איז מיר שווער מײַן טרויער טראָגן,
בענק איך ווידער נאָך א היים.

5

מיר זײַנען צוזאַמען געפֿאָרן,
מיר האָבן צוזאַמען געלעבט,
אַף ליכטיקע װעגן, אַף קלאָרע,
עס האָט זיך די פֿרײַנטשאַפֿט געװעבט.
מיר בײדע, מיר האָבן געטראָגן
די פֿרוכטן פֿון גוטס און פֿון פֿרײד,
די קאַלטע אַלטײַער פֿאַרטאָגן
זײ האָבן אונדז שטענדיק באַגלײט.
און בײדע מיר זײַנען געגאַנגען
געקלעטערט אַף אײַזיקע בערג,
מיר האָבן געגאַרט צו דערלאַנגען
די אײביקע הײכן פֿון דר׳ערד.
ביז הײַנט איך דערמאָן אונדזער רײַזע,
די שענסטע מינוטן אין װעג,
און ס׳װעבט זיך אַ גאָלדענע מעשׂה
פֿון װײַטע פֿאַרגאַנגענע טעג.

זיך פארהאלטן

ס׳האָט דער פרילינג זיך פארהאלטן
און די בלױונג אָפּגעלייגט אַף שפּעטער,
שטייען וועלדער און זיי ווארטן,
ביז די רײַפקײַט וועט ניט קומען,
ניט באקליידן אלע צווײַגן
מיט גרינע שורשענדיקע בלעטער.
ס׳האָט דער פרילינג זיך פארהאלטן,
די בלױונג אָפּגעלייגט אַף שפּעטער,
ליגן פעלדער און זיי ווארטן
מיט די אָנגעצילטע אויגן,
און מע קוקט פון אלע זײַטן
מיט אומגעדולד און גלויבן
און מע גרייט זיך צו באגעג׳נען
יענעם פרילינגדיקן שפּעטער.
האָבן האָגלען זיך צערעגנט
און געפּאטערט זיי דעם וועטער.
גיי איך רייניקן די וועגן
פאר מײַן קומענדיקער בלױונג,
אז ס׳זאָל קיינמאָל ניט פארשפּעטיקן
אַף ערד מײַנער דער פרילינג.

* * *

ס׳איז א קערנדל פֿארבליבן
אף א פעלד, א ניט פארזייטס,
ניט ארײַנגענומען האָט די ערד עס
צו זײַנע שוועסטערלעך פון ווייץ.
האָט עס אויסגעוואַרט ביז פרילינג,
און די פרוכטבארקײַט פארהיט,
ס׳זאָל ניט בלײַבן הינטערשטעליק,
ווען דאָס פעלד וועט זײַן צעבליט.

* * *

פאַרשפּעטיקטע ווינטן
שלעפּן פאַרעלטערטע שנייען,
דעריאָגן אַליין איז מיר שווער,
איז לאָמיר זיך לאָזן אײַנצווייען
און העלפן די ווינטן צעווייען
אַלץ, וואָס די ערד באַדאַרף שוין ניט מער.

* * *

גיב א קוק, ווי שיין זעען אויסעט די ביימער באם וועלקן,
אָט זײַנען די בלעטער ווי בראָנזע, אָט זײַנען זיי רויט,
און אָט ווערן זיי געל,
מיר דוכט, ווי אף סטרונעס, צעשפילן זיך פארבן
אין דער קילבלעכער הארבסטיקער וועלט.
שענער זעען אויסעט די ביימער באם אָנהייב פון פרילינג,
באם ראנד פון דער בליונג,
באם ראנד פון געבוירן.
עס ווערן די צווײַגן מיט פרישקייט מיט גרינער,
מיט צוויטן מיט ווײַסע פארצויגן,
און א ווארעמע בלויקײַט פארגיסט מײַנע אויגן.
שיין זײַנען ביימער אין פרילינג,
נאָר שיין אויך אין גאָלדענעם אָסיען,
ווען ס'וועלקן די בלעטער און האלטן אפילע באם שטארבן.
כ'האָב ליב אָט די שפיל פון אומשטערבלעכע פארבן.

א פרילינג־געוויסער

פון געוויסער איז דער טײַך געוואָרן ברייטער,
גרויזאם ווערט די טיפקײַט פונעם דנאָ,
צו זײַן אָפּגרונט איך וועל אראָפּגיין אָן א לייטער
און א קוק טאָן אפן ברעג, וואָס איז ניטאָ.

א דערטרונקענער ער ליגט איצט אפן דנאָ.
ברעגן מײַנע, נאָענטע באקאַנטע!
וויפל מאָל בין איך געזעסן דאָ לעם אײַך,
ווען די בענקשאפט האָט דאָס הארץ מײַנס מיר פאראנקערט,
ווי א שיפל א צעהוידעטעס בא דעם טײַך.
איז ווער זשע קאָן פארגעסן דען אין אײַך?

ברעגן מײַנע, נאָענטע, פארבענקטע,
דורך געוויסערס לייג איך דורך צו אײַך א וועג,
צווישן יאָגנדיקע וואסערן פארשווענקטע
געפינען כ׳וועל מײַן פרילינגדיקן ברעג.
גיי זשע ניט, מײַן הארציקע, אוועק.

* * *

וואָס ווײַטער איך גיי און ווער אַלץ מער דערנענט
צום גינען־האָריזאָנט, וואָס לעשט ניט אויס זײַן פֿלאַקער,
דוכט מיר אויס, אַז באַלד, אָט באַלד
כ'וועל אים דערלאַנגען מיט די הענט,
און מיר וועלן זיך אַרומנעמען אַלץ הימלעכער און שטאַרקער.
רוקט ער ווײַטער זיך אַוועק, דער צעפּלאַמטער האָריזאָנט,
און צו זײַן גינען־פֿײַער קאָן איך ניט דערגרייכן,
ווײַזט אויס, ניט אַלץ, וואָס מיר האָט זיך פֿאַרוואָלט,
ניט אַלץ, וואָס קומט מיר אָפּן סייכל,
בין איך מעסוגל צו דערגרייכן.
נאָר בלײַבן, כ'בלײַב ניט שטיין,
איך לאָז זיך ווידער גיין צום גינען־האָריזאָנט,
וואָס הערט ניט אויף צו ברענען, ווי אַ שײַטער,
און זײַן שײנקײַט לעשט ניט אויס זיך פֿון קיין ווינט.
נאָר וואָס נעענטער כ'גיי צו,
ווערט זײַן נאָענטקײַט דערווײַטערט.
וועל איך נאָכגיין נאָך זײַן אויפֿגאַנג,
ווי ס'גייט נאָך אַ מוטער נאָך איר קינד.

* * *

דאָס פאָלק זאָגט א ווערטל:
גיס ניט אויס די אומריינע וואסער,
ביז דו וועסט ניט אָנעמען קיין ריינע.
האָב איך אומריינע וואסער פארהיט אין מײַן עמער,
און כ׳שטיי מיט מײַן קווערטל און טראכט:
וויאזוי זאָל איך נעמען מיט אומריינע וואסער
וואשן דאָס פּאָנעם
און אָפּשווענקען זאָל איך דעם שלאָף פון דער נאכט?

לייג איך דאָס קווערטל אוועק אין א זײַט
און נעם פארן הענטל דעם עמער דעם שווערן
און טראָג אים אוועק צו דעם מיסט־קאסטן ווײַט,
די אומריינע וואסער כ׳גיס אויס זייער גערן.
לעם ברונעם כ׳וואש אויס דעם שמוציקן עמער,
כ׳נעם אָן ריינע וואסער, ווי בורשטין איז זי קלאָר,
אין דער לויטערער וואסער פון עמער דערזע איך
מײַנע זעכציק פארגאנגענע יאָר.

א שטראַל

פאַלט א שטראַל אויף א בוים,
ווערט זײַן בליִונג דערוועקט,
קומט א שטראַל צו מײַן טרוים,
ווערט אַנטרונען די שרעק.
פאַלט א שטראַל אויף א זאַנג,
ווערט זײַן רײַפקײַט באַהעלט,
קומט א שטראַל צום פאַרגאַנג,
טאָגט א צווייט מאָל אין פעלד.
פאַלט א שטראַל אויף דער ערד,
אויף פאַרבליבענעם שניי,
ווערט זײַן ווײַסקײַט צעשטערט,
נעמט די ווײַסקײַט צעגיין.
זאָל געבענטשט זײַן דער שטראַל,
וואָס אין יעטווידן פאַל
קומט באַצײַטנס צו גיין,
ברענגט באַצײַטנס די שײַן
פאַר דער ערד, פאַר מײַן היים.

מײַן פּרוכטבאַרע בײט

דער רײיעך פֿון בלומען פֿאַרגײט,
די זאַפֿטיקע פֿרישקײַט פֿאַרוועלקט,
נאָר די פּרוכטבאַרע שוואַרצקײַט פֿון בײט
לעבט אײביק און ווערט ניט פֿאַרלענדט.
ווײַל אין בײט איז דער קוואַל פֿון געבורט,
ווײַל אין בײט קאָנען וואָרצלען זיך נערן,
און די בלום, אָט די שמעקנדע פּרוכט,
ווערט געל און קאָן ווײַסער ניט ווערן.
איר דופֿט וועפּט זיך אויס און פֿאַרגײט,
ווי דער טאַם פֿון די ווײַניקסטע פּרוכטן,
נאָר עס בלײַבט אָט די פּרוכטבאַרע בײט,
דער קוואַל פֿון די שענסטע געבורטן.

* * *

אזויפיל פּניאָקעס סטאַרטשען אינעם וואַלד
פון ווינטן און פון טויען אויסגעפּלעקט אין שוואַרצן,
יעדער איינער בענקט דאָ נאָך זײַן אויסגעהאַקטן בוים,
און אַן אומעט אַ פאַרבליבענער קלאַפּט בא אַלעמען אין האַרצן.
אַלע קרײַזן בא די פּניאָקעס זײַנען אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
פאַרמאָגט האָט יעדער בוים דאָך אַ אי קינדהײַט, אַ אי יוגנט,
געהאַט אַן עלטער אַ צעצווײַגטע, אַ מיט גרינקײַט, אַ אי מיט מאָכן,
פּראָוווען פּניאָקעס זיי דעם יאָרצײַט, ניט זיי ווײַנען, ניט זיי קלאָגן.
ווײַל אויך ביימער אַף דער עלטער ווערן הויקערדיק, צעבראָכן.
וואַקסן אונטער יונגע ביימלעך צווישן פּניאָקעס אין די וועלדער,
מיט אַ קאָרע אַ באַנײַטער מיט אַ הויכקײַט אַ באַהעלטער.
זיי איז אויך באַשערט צו האָבן אי אַ קינדהײַט, אי אַ יוגנט,
אי אַ שיינקײַט אַף דער עלטער.

* * *

די זון האָט זיך קיינמאָל מיט איר ליכט ניט באַרימט,
זי פירט זיך אין הימל אי פּראָסט, אי באַשיידן,
דערפאַר האָט מײַן הארץ אין איר שײַן זיך פאַרליבט,
און ס'איז שטענדיק מיר שווער מיט איר ליכט זיך צעשיידן.
גיי איך אָפּט צום פאַרגאַנג, צו דעם ראַנד זי באַגלייטן.

* * *

דערנער ווערן ניט געזייט,
דערנער ווערן ניט געפּעסטעט,
זיי וואַקסן הויך פון זיך אַליין,
פאַרשפּרייטן ברייט זיך אַף די סטעפּעס.
און מײַן בלײַונג מײַן געגאַרטע
ווערט מיט שטעכלקעס פאַרפּענטעט.
ווײַל איך לאַנג זיך ניט פאַרזאַמען
און זיך לאָזן איבער סטעפּעס
מיט אַ קאָסע אַ פאַרשאַרפטער,
און פאַרניכטן ביז דער שפּענטע
אַלע ווילדגראָזן פאַרדאַרטע,
אַז קיין שפּור זאָל ניט פאַרבלײַבן
פון די דערנער ניט געדאַכטע.

* * *

אף איין און דער זעלבער צווײַג,
אף איין און דעם זעלבן בוים
וואקסט אויס אן עפּל גרויס,
וואקסט אויס אן עפּל קליין.
נאָר ווערט דער עפּל רײַף,
האלט די צווײַג אים קוים,
איז מעג ער זײַן ווי גרויס,
איז מעג ער זײַן ווי קליין,
ער פאלט אראָפּ פון בוים
אף דער ערד אליין.

א האָגל

אויסגעטריקנט האָט די וואסער פון מײַן לאָגל,
און פון וואנדערן פארשטויבט זײַנען די שיך,
ניט קיין רעגן איז געפאלן, נאָר א האָגל
און פארלאָשן זײַנע זומערדיקע ליכט.
א האָגל אזא ווײַסער אף די וועגן,
און וויפל זאנגען האָבן אײַנגעבייגט די קעפּ,
באדארפט האָב איך א זומערדיקן רעגן,
איז א האָגל גאָר געפאלן אינעם סטעפּ.
הייב איך אוף אלע אויסגעלייגטע זאנגען,
כ׳קלײַב צונויף אלע קערנער אינעם פעלד,
אונטער טריט מײַנע דער האָגל ווערט צעגאנגען,
ביסלעכווײַז פאַרשווינדט ער פון דער וועלט.
ווײַל עפּעס ווערט געענדערט דאָרטן אויבן,
די אויסגעקלאָרטע זון קערט אום זיך אף צוריק,
און מיט אויסגעוואַרטע זומערדיקע אויגן
זע איך נאָכאמאָל דעם אופּבלי פון מײַן גליק.

באַ לויטערע אָזערעס

אָ, אָזערעס ברייטע, אָ ליכטיקע ערד,
איר איינצלנעביימער מיט שיטערע צווײַגן,
כ׳האָב זעלטן נאָך ווען אַזאַ שטילקײַט געהערט,
ווי דאָ באַ די ברעגן, ווען אָזערעס שווײַגן.
עס ווילט זיך דאַן שטיין און פאַרנעמען די רו,
די לויטערע שיינקײַט פון אָזערעס ברייטע,
צו שטילקײַט צו פרײַער מײַן האַרץ הערט זיך צו,
און כ׳זע, ווי אין וואַסער א וועלט ליגט א צווייטע.
דער לויטערער הימל ער ליגט זיך פאַרקלערט,
אין מיט פון דער וואַסער די וואָלקנדלעך שוועבן.
איך קוק אין דער קלאָרקײַט און זע אַלץ פאַרקערט,
נאָר גוט קוק זיך אײַן — זע איך אויס ווי אין לעבן.
כ׳וואָלט וועלן, ס׳זאָל קיינמאָל ניט ווערן צעשטערט
די שיינקײַט, וואָס קומט דורך דער קלאָרקײַט פון לעבן.

* * *

כוואליעס שפּארן איינס דאָס צווייטע,
פון די מײַלער זעצט אַ שוים,
צו די יאם־ברעגן די ברייטע
טרײַבן כוואליעס איינס דאָס צווייטע,
אז מע כאפּט דעם אָטעם קוים.
שטיי איך לאנג באם יאם פארוואונדערט,
ס׳באפאלט מיך פּלוצעם אזא שרעק,
ערשט געבערויזט האָבן כוואליעס מונטער,
איצט — כ׳זע, זיי גייען אונטער,
פון זייער שטאָלצקײַט בלײַבט א מוטנער פלעק;
צוזאמען שווימט מען און מע שטארבט באזונדער,
ווי נאָר זיי קומען מיט א ראש צום ברעג.

זאנגען

זאנגען וואקסן אינעם פעלד געמיינזאם,
זאנגען ווייסן ניט, וואָס הייסט זײַן איינזאם.
די ליכט די זוניקע, די שטילע פלאמען
אין פעלד אין אָפּענעם מע טראָגט צוזאמען.
אין פּײַן פון טריקעניש, אין לייד פון היצן
מע ציט די מײַלער אויס צו בלענד פון בליצן.
די פרישע מונטערקײַט, דעם לויף פון שטראָמען
מע זאפט צוזאמען אײַן, ווי דינע שוואָמען.
צוזאמען לעבט מען און מע שטארבט געמיינזאם,
כ'וויל אויכעט לעבן, ווי א זאנג ניט איינזאם.

לעצטע בליִונג

בלעטער וועלקן אינעם וואלד,
לעצטע קווייטן אף די פעלדער,
אף דינע פליגעלעך די שוואלב
טראָגט שטיל איר פלאַטערדיקע עלטער.
דורך טונקלען וואלד זי פליט אוועק,
זי פליט דורך שטויב פון וועלקן,
זי זוכט צו ליכטיקייט דעם וועג,
זי פליט צו לויטערקייט פון וועלטן.
ווען בלעטער פאלן אינעם וואלד,
ווען לעצטע קווייטן נעמען וויאנען,
וואָלט איך געוואָלט זײַן אויך א שוואלב
און פליִען ווײַט מיט איר צוזאמען
צו די בלויע פרילינג־פלאמען.

* * *

צווישן הארבסטיקע וועלדער אליין גיי איך אום,
און מיר דוכט, אז עס פלאקערן שײַטערס פון בלעטער,
אונטערגעצונדן עס האָט זיי די זון
מיט א מעשענעם פײַער, מיט רויטקײַט באהעלט זיי.
און איך גיי ארום צווישן פונקען פון בלעטער,
וואָס פליִען אָן פליגלען אוועק אין דער הויך,
מיר דוכט, אז עס סמאלען זיך לאנגזאם די וועלדער
און ווערן דערשטיקט פונעם הארבסטיקן רויך.
שטיי איך און קלײַב זיי, די פונקען פון בלעטער,
און שאר זייער ליכט אין מײַן הארצן צונויף.

* * *

איך דריי זיך אום אַף דער פּלאַטפאָרמע פון מײַן אָוואַר,
און דער זיקאָרן מײַנער לאָזט מיך ניט צורו,
אָט שטעלט ער אָפּ א מענטשן, אײנגאַנצן שוין א גראָוון,
און דעם שטעקן זײַנעם נעמט ער בא אים צו.
קוקט דער מענטש מיט אויגן, מיט פאַרכידעשטע,
פון קאָפּ ביז פיס באַטראַכט ער דעם זיקאָרן,
זיי שטייען ביידע, ווי פאַרקישעפטע,
אַף דער פּלאַטפאָרמע פון דורכגעלעבטע יאָרן.
און ס׳וואונדעט זיך צום מענטשן מײַן זיקאָרן:
צי געדענקסטו ניט דעם טעטערעוו דעם קלאָרן,
מיר זײַנען אַף א שיפּל אינדרײַען דאָן געשוווּמען,
צוויי הערצער אין איין האַרץ געווען זײַנען פאַרליבט,
אין אונדזער צאַרטער בלום, מיט די ווײַסע אויגן
אין דער מאָלעטאַמעוודיקער ראָכעלען, געדענקסט?
מיר האָבן זיך אפילע ביידע דאָן צעקריגט,
ווײַל פון מיר איז זי אַוועק און צו דיר איז זי פאַרפלויגן.
כ׳האָב שטילערהייט נאָך איר געבענקט,
און ביז הײַנט זי טרעט ניט אָפּ פון מײַנע אויגן.
דו לאַכסט פון מיר? נו, לאַך!
איך וואָלט פון לאַנג שוין אומגעקומען,
כ׳זאָל די שיינקײַט פון מײַן אָוואַר ניט דערמאָנען,
וואָס האָט אזויפיל ליכט פאַר מיר געבראַכט,
אי פאַר מײַן קינדהײַט,
אי פאַר מײַן יוגנט, און איצט אויך אַף דער עלטער.
דו לאַכסט פון מיר? נו, לאַך!

צי געדענקסטו יענעם שטיינערדיקן שליאך
און דעם רײַטער, וואָס געלאָזט האָט זיך אין שלאכט
אף זײַן ווײַסן אָנגעשוימטן פערד,
געטריבן דאָן די שליאכטע, וואָס ווײַטער אלץ אף ווארשע
(אז ניט שנײַדן זאָל דער אכזער בא ייִדן מער די בערד).
ליגט אין מײַן זיקאָרן יענע אָנגעשארפטע שווערד...
מיטאמאָל האָב איך דערזען, ווי עס קײַקלט זיך א טרער
פון זײַנע אויגן, און ווי קוועקזילבער צעפּאלט זיך אף דער ערד.
געבליבן איז זײַן שטעקן ליגן אף דער באנק,
ווי א מידער פּאסאזשיר, וואָס ווערט אנשלאָפן
פון ווארטן אפן צוג שוין זייער לאנג.
איין וואָרט האָט ער ארויסגעשטאמלט שטיל,
וואָס איז פארבליבן ווי א שראם אין מײַן געדאנק:
— ס׳טוט ווייִ, ס׳טוט באנק!..
אויך ראָכל איז אוועק און איז ניטאָ...
ווי דאָס גאנצע שטעטל, אָפּגעווישט שוין לאנג...
נאָר ביין, מיר דוכט, אָט ערשט איז דאָס געווען,
ווען איך אליין האָב זיך געיאָגט
פארבײַ מײַן שטעטל אף וואָלין,
אף ברעסטליטאָווסקער שליאך.
האָסט ניט דערקענט מיך? קוק זיך בעסער צו,
וועסטו דערזען און וועסט דערהערן,
ווי ס׳האָט געטראָגן מײַן טאטשאנקע זיך אין שלאכט
פאָרויס, אלץ ווײַטער, ווײַטער.
אָט דאָס בין איך, דער רײַטער, וואָס געווונען האָט די שלאכט.

— —

אף דער פּלאטפאָרמע פון מײַן אָוואר
מיר האָבן ביידע לאנג פארבראכט,
נאָר כ׳געדענק ניט, צי געווען איז דאָס פארטאָג,
צי געווען איז דאָס באנאכט,
ווען דער הימל א פארהילטער איז געלעגן נאָך אין שווארצן,
נאָר ווי א ליכטיקער געזאנג, לעבט דער אָוואר מיט זײַן
שיינקייט
און וועבט זיך אין מײַן הארצן.

* * *

ניט איין מאָל האָב איך שוין געברענט,
נאָר פאַרברענט איז מײַן האַרץ ניט געוואָרן,
שוין ניט איין מאָל האָט אַ בליציקער בלענד
מיט שרעק מײַנע אויגן צעשטאָכן.
נאָר איך האָב געהאַלטן זיך פעסט אין די הענט,
די צווײַגן פון גלויבן דו האָסט ניט צעבראָכן,
יאָנטעוועט מײַן האָפענונג אויך אינדערוואָכן.

* * *

האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ בוים אינמיטן פעלד,
וואקסט ער איינזאם בַּאַ די וועגן פאַר דער וועלט.
כאָטש די בלעטער זײַנע גרינען יעדן יאָר,
נאָר דער בוים איז עפּעס אומעטיק ביז גאָר.
וויל ער רוישן, וויל זיך טיילן מיט זײַן פרייד,
האָט אַ ווײַטקייט מיט די ביימער אים צעשיידט.
בעט ער בײַ דעם פויגל: בוי זיך אויס אַ נעסט,
ווי בײַ אַלע ביימער, זײַנען מײַנע צווײַגן פעסט.
פליט אַוועק דער פויגל, גלייך ניט אים ער מיינט,
דוכט מיר, ווי איך הער, דער בוים האָט זיך צעוויינט.
פּרוּוון ווינטן אים אַ שלעפּ טאָן פאַר די וואָרצלען פון דער ערד,
ווערן בלעטער ניט צעשאָטן, ווערט זײַן בליונג ניט צעשטערט.
אויך די ביימלעך לעם די וואָרצלען האָבן זאַפטן ניט פאַרפעלט.
וועט אַ וואַלד זיך דאָ צעוואַקסן אין דעם ברייטן־ברייטן פעלד.

* * *

כ'הער זיך אײַן צו דעם װאַלדישן שװײַגן,
און מיר דוכט, אַז ער לעבט שױן ניט מער,
װײַל דער האַרבסט גײט אַרום אױף די צװײַגן
און װאַרפט אַלע בלעטער אױף דער ערד.
פֿאַרװעלקטע אין טונקעלן ציטער,
די בלעטעלעך אָטעמען קוים,
אַ װינט שפּרינגט אַרױס פֿון די גריבער
און טראָגט זײ אַװעק אינעם רוים.

כמארעס

הארבסטיקע כמארעס, וואָס שווימט איר ארום?
צי ווילט איר פארדעקן פאר מיר איצט די זון?
צי ווילט איר אין שווארצקייט פארהילן מײַן פרייד,
מיט וועלכער כ'וועל קיינמאָל ניט ווערן צעשיידט?
מײַן הארץ האָט, ווי שטענדיק, ליב זוניקע שײַן
און וועגן, וואָס פירן אין קלאָרקייט ארײַן.
דורך הארבסטיקן פענצטער אין הימל איך קוק,
מיט בענקשאפט די ערד גיסט זיך אָן, ווי א קרוג.
בארויגעזע כמארעס פארדעקן מײַן הויז,
און זעלטן די זון קוקט פון הימל ארויס.
בארויגעזע כמארעס זיך יאָגן געשווינד,
און אופגאנגעגן שיינע לעשט אויסעט דער ווינט.
דאן צינד איך אָן ווידער פון פײַער די פרייד,
ס'איז נאָענט און טײַער און ס'ווערט ניט צעווייט,
א פײַער אזא לעשט ניט אויסעט קיין ווינט,
א הארבסטיקע כמארע שווימט אָן און צערינט.

* * *

קומען עס וועט נאָך צו גיין יענע פרייד,
וואָס פאשעט אין פעלד זיך, פארדײַגעטערהייט.
אָנקלאפן וועט זי צו מיר אינעם פענצטער,
ווי אמאָל מיט איר שמייכל מײַן פארגאנגענע
שוועסטער.
דערמאָנען זי וועט מיר יענעם שרעקלעכן פיבער
פון ביינער, וואָס שרײַען ביז איצט נאָך פון גריבער,
פון טרערן, וואָס הענגען אין ברונעם פון הארצן,
ווײַל אויסשעפן קאָן זיך דער ווי ניט אינגאנצן.
איז קום זשע, נו, קום מײַן פארצאָרנטע פרייד,
איך וועל דיך פארפלאנצן בא זיך אף מײַן בייט.
די נאכלע די שענסטע פאר דיר וועל איך געבן,
ווײַל דו ביסט מײַן טרייסט און מײַן ווי אינעם
לעבן.
ווײַל אומגיין איך וויל ניט האכנאָעדיק מער
און זען, ווי מײַן הארץ ווערט פון אומעט צעשטערט.
ווארט איך זאָלסט קומען וואָס גיכער צו גיין,
פעקלעך מיט פריידן ברענג מער פאר מײַן היים,
כאָטש פון פריידן א סאך שפארן טרערן ארויס,
דאָס וויינט דאָך מײַן אומעט,
ווען ער צאנקט און גייט אויס.

א ווינטמיל

ווער בענקט דען אזוי נאָך א ווינט,
ווי די איינזאמע ווינטמיל אין פעלד?
מיט ווינט לעבט זי אויסעט איר וועלט,
אָן ווינט איז איר לעבן פארשפילט.
פיר פליגל, פארגליווערט ווי שטיין,
אין טונקלעניש הענגען פארשעמט.
מיר דוכט, אז די ווינטמיל אליין
שטרעקט אויס צו דעם ווינט אירע הענט.
נאָר די ערד רוט אין טאָלן אצינד,
נאָר די ערד הערט צו שטילקייט זיך צו,
די ווינטמיל בענקט שטענדיק נאָך ווינט,
און מיין הארץ בענקט אמאָל אויך נאָך רו.

א ביסעלע שניי

א ביסעלע שניי איז פֿארבליבן
באהאלטן אין ליכטיקן טאָל,
ווײַל ס'האָט זיך די זון ניט דערקליבן
צו אלץ מיטאמאָל.
דער שניי האָט די ווײַסקײַט פֿארלאָרן,
און אויסגעוועפּט האָט זיך די קעלט,
די זון האָט דעם פרילינג געבאָרן,
דערוואַרעמט די פּראָסטיקע וועלט.
נאָר דאָ, אין דער שטיל, ווי פֿארבאָרגן,
פֿון ווינטער — א לעצטער געשריי,
איך בענק נאָך א פרילינג־פרימאָרגן,
און נאָך פּראָסט בענקט דאָס ביסעלע שניי.

* * *

ווי, וויפל שניי האָט פאַרשאָטן דאָס פעלד,
און עס שיט, און עס שיט, און עס הערט ניט אויף שיטן,
נאָר העלער און ווייַסער זעט אויסעט די וועלט,
און גרינגער צעיאָגט זיך מייַן שליטן.
זאָל ווייען, זאָל שנייען אין פעלד,
דער שניי וועט די וועלט ניט פאַרשיטן.

* * *

נו, איז וואָס, אז עס שיילט זיך די קאָרע
פון ווײַסער בערעזע,
און איר שטאַם ווערט אנטבלויזט און געהוילט?
אין דינינקער ווײַסקײַט, אין קליידער אין קלאָרע
כ׳וועל אָנטאָן איר שטאַם מיט מײַן אייגענער הויט,
איר ווײַסקײַט זאָל קיינמאָל ניט ווערן פארגרויט.

* * *

כ׳בין נאָרוואָס פון וועלדער ארויס צו דעם שליאַך,
און עפּעס א סטעזשקע מיך פירט צו דעם קאָרן.
כ׳זע פּלוצעם א פויגל פליט דורך דורך דער נאכט
און טראָגט אף די פליגלען א שטערן א קלאָרן.
א שטערן אזא כ׳האָב געזען ערשט אליין
זיך קײַקלען פון ליכטיקע הויכן,
איצט טראָגט אים דער פויגל צום הימל אהיים,
דער שטערן זאָל ווידער די וועגן באלויכטן.

* * *

קאָן דען דער הימל בלויז לעבן אָן וואָלקנס,
און אין מליִענדער בלויקייט זײַן שטענדיק געקליידט?
די דאָרשטיקע ערד זי ווערט דאָך געהאָלפן,
ווען ס'נעמען צונויף זיך געמיינזאם די וואָלקנס
און מיט רעגנס באַפרישן יעדע פֿרוכטבארע בייט.
איז וואָס, אַז דער הימל ווערט פּלוצעם פֿאַרוואָלקנט,
אַדורכרײַסן וועט זיך געלײַטערטע פֿרייד.

* * *

א שוואַלב האָט די טונקעלע שויבן געפּיקט
פאַרנאַכט באַ דעם זונען־פאַרגאַנג,
געזאָגט האָט די שוואַלב מיר:
גיי נעם דיר דײַן גליק,
פון לעבן דאָס שענסטע געשאַנק.
די שוואַלב איז צו וועלדער געפלויגן צוריק
דורך אַ פײַער פון ווײַטן פאַרגאַנג,
און מיר האָט געדוכט, אַז איך הער, ווי זי זינגט
פון גליק אַזאַ וווּנדער־געזאַנג.

* * *

וועץ ס׳פאלט דער אָוונט צו אַף שווערע מויערן,
מיר דוכט, איך זע פאר זיך בלויז טונק׳לע בערג,
און אײנזאם שטיי איך בא צעפראלטע טויערן
און זוך די ליכטיקײַט אַף טונק׳לער ערד.
נאָר כ׳הער אין דראָטן לויפן שטראָמען ליכטיקע
און צינדן לעמפעלעך שוין אָן מיט פרייד,
איך דאנק דער לויטערקײַט, דער זויבער־ציכטיקער,
וואָס האָט מיט פינצטערניש מײַן בליק צעשיידט.

פאלט א שטערן

פאלט א שטערן נאָך א שטערן
אינעם אײַנגעשטילטן רוים,
בין איך אָנגעגרייט צו הערן,
עפשער פאלט ער אף מײַן בוים.
עפשער ברענען מײַנע בלעטער,
ווידער סמאַלעט זיך מײַן שטאם.
כ׳וויל ניט אָפּלייגן אף שפּעטער,
כ׳וויל פארלעשן איצט זײַן פלאם,
אז וואָס מערער זאָל מיר בלײַבן
שיינעביימער אין מײַן סאָד,
כ׳האָב גענוג פארלוירן צווײַגן,
אין יעדער בלעטל מיר א שאָד.

* * *

די זון וועל איך ניט לאָזן בלײַבן איין אליין,
צו איר שקיִע וועל איך קומען און מיט איר וועל איך פארגיין,
מיט איר וועל איך אוועקגיין, קעדיי מאָרגן אינדערפרי,
אופגיין זאָל איך ווידער מיט א פײַערדיקן גלי.
מיִען זיך און האָר׳וען אָט אזוי א גאנצן טאָג —
מיט דער זון אוועקגיין נעכטיקן און זיך אומקערן פארטאָג.

VI

מיט ריינעם געוויסן



מיט ליכטיקע אויגן

איינעם גליקט אָפּ אײנעם לעבן,
זײַן הארץ קאָן געניסן פון אלץ,
כאָטש ער האָט אין סאָד פונעם לעבן
קיין איינציקן בוים ניט פארפלאנצט.
נאָר שטיל איז דאָס מענטשל געקומען
דורך אנדערע וועגן צו גיין
און האָט פון די ביימער גענומען
די פרוכטן די שענסטע אליין.
דורך טונקעלע סטעזשקעס פון וועגן
ער גייט מיט די פרוכטן אוועק,
שטייט אופעט דער גערטנער פון לעבן
און זאָגט אים: שיט אויס דײַנע זעק...

* * *

אָט שטייט דער שעקער מיט א שמייכל
אוּן קראַצט זיך די פּאָטיליצע,
פון אונטער העמד דעם קויטיקן
שלעפּט ער מײַסעס ניט געשטויגענע,
אף די וועגן זײַנע שפּרייט ער
בלעזלדיקע נײַסעלעך,
הינקענדיקע קלאַנגען טוט ער אָן אין מיליצעס,
און פון סאַזשעלקעס פאַרצוויטעטע
שלעפּט ער די רעכילעסלעך.
ער וועגט זיי די לעגענדעלעך,
ווי א שפּינוועבס אין די ווינקעלעך,
מיט אויגן מיט פאַרכאַלעמטע, באַטראַכט ער דעם ארום,
ניסים־וועניפלאָעס זויגט ער פון די פינגערלעך,
און עס דוכט אים, אז מע גלייבט אים און מע קרוינט אים
אויך מיט רום.
עפּנטלעך פאַר יעדן קראַצט ער די פּאָטיליצע,
נאָר די בײַסעניש פאַרגייט ניט,
ס׳ווערט קיין קאַפּעטשקע ניט גרינגער.
טוט ער אָן די קלאַנגען ווידער אף די מיליצעס,
באָבע־מײַסעס זויגט ער אַלץ מערער פון די פינגער,
נאָר די בײַסעניש פאַרשווינדט ניט,
ס׳ווערט קיין קאַפּל אים ניט גרינגער.
צעהוידעט ער, דער שעקער, נאָך שטאַרקער זײַנע גלעקער,

אז די קלאַנגען פֿון רעכילעס זאָלן העכער זיך צעקלינגען,
דערזעט ער מיטאמאָל גאָר ווי פֿון מײַלער בא די גלעקער
ארויסגעריסן זײַנען בא אלעמען די צינגען,
מונטערט ער די גלעקער און קאָן זיי ניט צעקלינגען.

* * *

כ׳וועל ניט אָנבויגן מײַן קאָפּ פאַר דיר,
דאָס אַלץ געזעצלעכע איך דאַרף ניט בעטן,
פאַר די, וואָס כאַנפּענען, פאַרשליס די טיר,
זיי זאָלן קיינמאָל אַף דײַן שוועל ניט טרעטן.
דורך טירן פעדערשטע איך קום צו דיר,
מײַן האַרץ אַנטפּלעקט פאַר דיר אַ גרעסטע טײַנע,
נאָר כ׳זע, מע רוקט זיך דורך דײַן הינטער־טיר
מיט דינע שמייכעלעך, מיט בליקן פײַנע.
דאַן זאָג איך נאָכאַמאָל פאַר דיר אַליין,
און זאָל די ערלעכקײַט פון דעם איצט וויסן,
פאַראַן אַ פאָדער־טיר דורכצוגאַנג גיין,
און כ׳וועל די הינטער־טיר פאַר זיי פאַרשליסן.

איך קאָן אים

איך קאָן אַ מענטשן, וואָס ריידן רעדט ער שטיל,
גלײַך אין זאָקן טוט ער אָן די ווערטער,
ער זאָגט דיר אַלצדינג צו אַזוי העפלעך־מילד,
אַז קיינער זאָל ניט טראַכטן, אַז ער איז אַ מענטש אַ שלעכטער.
דו קוקסט אים אין די אויגן און שלינגסט זײַן יעדן וואָרט,
ווי ס'וואָלט גערעדט צו דיר אַ נאָווי גאָר אַן עכטער.
ווי פּערל קלײַבסטו אויף זײַנע זיסע ווערטער,
וואָס מיט אַ דריבנעם שמייכעלע באַגלייט ער.
דאָס קאָל זײַנס דוכט דיר אויס איז ווי אויסגעבעבט אין סאַמעט,
מיט טרייסטונגען און טרײַשאַפט באַרינגלט ער דײַן צאַר,
דו טוליעסט זיך צו אים, ווי צו אַן אײַוועלע, וואָס ווארעמט,
און אין זײַן יעדן צוזאָג גלייבסטו און אויף דער הילף זײַנער דו וואַרטסט.
ווײַל ער האָט דאָך ניט איין מאָל פאַר פרײַנט דײַנע געמאָלדן,
אַז ווי שווער עס זאָל ניט זײַן דיר און וואָס ס'זאָל ניט געשען,
וועט ער ניט דערלאָזן, דו זאָלסט בלײַבן אומבאַהאָלפן,
ווי אַ זאַנגל אַ פאַרבליבנס נאָכן שניט־צײַט אינעם פעלד.
קוקסטו דורך די שויבן פון האָפענונג אַרויסעט,
עפּשער וועט זײַן הילף זײַן צוגעזאָגטע קומען,
נאָר ביסלעכווײַז דײַן גלויבן אין הארצן לעשט זיך אויסעט,
ווי ס'לעשט זיך אויס די וואַרעמקײַט צום סאָף פון יעדן זומער.
און ס'טוט דיר באַנק ביז טרערן נאָכוואָס האָסטו געגלייבט אים,
נאָכוואָס האָסטו געהערט גאָר זײַנע האָניק־רייד די זיסע,
נאָכוואָס האָסטו דערציילט אים פון דײַן ווייטעק, ער זאָל וויסן?

נאָר זאָל ער דאַפקע וויסן און געדענקען זאָלן אַלע,
אַט די אַלע, וועלכע קומען אָפּנאַרן דאָס לעבן,
אַז פריִער אָדער שפּעטער זייער פאַלשקייט וועט צעפאַלן,
ווי פון פוילקייט עס צעפאַלן זיך די טײַערסטע געוועבן.

* * *

די בלענדיקע שארף פון מײַן מעסער
שמיד איך אויס אף א טעמפּיקן שטיין,
זײַן שטאָלענע שארפקײַט ווערט גרעסער,
ווען איך שלײַף אים וואָס מערער, דעם מעסער
אין דעם שטײנערנעם הארטן געביין.
די טעמפּקײַט פון מעסער ווערט יעדן מאָל קלענער,
די בלישטשענדע שארפן זיי ווערן אלץ שענער,
און די גראָבע פארטעמפטקײַט פארבלײַבט בא דעם שטיין.

* * *

צי ווּעלן די לידער, מײַן פרײַנט, דיר געפעלן,
צי ניט,
נאָר איינס וואָלט איך ווּעלן:
אַז דו זאָלסט געדענקען און ווּיסן,
אַז כ׳האָב מײַנע לידער געשריבן מיט ריינעם געוויסן
און ניט מיט געוויינלעכן טינט.
כ׳האָב אין פּעסעלע־טינטער פון האַרצן
מײַן הענטל געטונקען אין בלוט,
אַז מײַן ליד זאָל אין הערצער פּאַרפלאַנצן
ביימער פון יוישער, מיט גלויבן צעצווײַגטן
און וואָגיקע בלעטער פון פרייד און פון מוט.

* * *

וועמען איז בעסער:
דעם בלינדן, וואָס זעט ניט,
דעם טויבן, וואָס הערט ניט,
צי דעם שטומען, וואָס רעדט ניט?
צי עפּשער איז ערגער גאָר אַלעמען דריַי —
דעם בלינדן, וואָס זעט ניט קיין אויסוועג אַף וועגן,
די ערד וועקט ער אוף מיט זיַין הילצערנעם שטעקן,
זי זאָל אים באַוויַיזן די היימישע סטעזשקע
און ווי אַ מוטער אים פירן געטריַי,
אויסמיַידן זאָל ער שמוציקע וועגן,
אָפּגרונטן טיפע אַדורכגיין פאַרביַי.
נאָר עפּשער איז בעסער דעם טויבן, וואָס הערט ניט
און ניט בלויז זיַין אייגענע שטים,
נאָר אויכעט די פאַלשקייַט, וואָס לעבט נאָך
און נעסטעט זיך אויסעט אַן ערטעלע שטיל?
קאָן זיַין, אַז דערפאַר, ווען אַ טויבער צערעדט זיך,
רעדט ער הויך אַף אַ קאָל ניט מיט זיַין אייגענער שטים,
דאָס שעלט ער די פאַלשקייַט, וואָס פּיַיניקט זיַין ערלעך געפיל.
נאָר עפּשער איז בעסער דעם שטומען, וואָס רעדט ניט,
אין זיַין שוויַיגנדער וועלט ווערט דאָס לעבן אים לינדער,
כאָטש אים איז אויך שווער,
ער רעדט ניט און הערט ניט.
זיַין איינציקע שפּראַך איז דאָס פאָכען מיט פינגער.

עפשער רעדט ער זיך אויסעט דאָס האַרץ זײַנס אַצינדער,
דעם ווייטעק צו טראָגן זאָל ווערן אים גרינגער.
איז בא װעמען פון זיי זאָל איך פרעגן?
וועמען איז בעסער,
און װעמען פון זיי קומט דאָס לעבן אָן גרינגער?
צי בעסער פון יעדן איז מיר גאָר דעם דיכטער,
ווײַל איך בין דאָך פאָרט ניט קיין בלינדער,
איך זע זי, די וועלט,
און איבער איר ליכטיקער שיינקײַט איך ציטער.
און אויב מײַן געהער ווערט פאַרטויבט,
בין איך טויב, אָט ווי ער,
בעטהאָווען, דער וועלט־קאָמפּאָזיטאָר,
וואָס האָט אין זײַן האַרצן די צאַרטע מעלאָדיעס
ניט בלויז געוואַרעמט, נאָר אויך זיי געהערט,
ווי איך מײַנע יידישע לידער.
און אויב עס טרעפט נאָך אַמאָל,
אַז עמעץ פאַרשווערט מיר זאָגן
אָט דאָס, וואָס איך וויל נאָר,
דאַן רייד איך אליין צו דער וועלט, ווי א שטומער,
און כ׳פּאַכע, ווי ער, מיט מײַנע פאַרמאַטערטע פינגער,
אַז ווערן זאָל יעדן פון זיי:
אי דעם בלינדן, וואָס זעט ניט,
אי דעם טויבן, וואָס הערט ניט,
אי דעם שטומען, וואָס רעדט ניט,
לײַכטער צו לעבן
און אָטעמען ווערן זאָל יעדערן גרינגער.

* * *

צי איז די ערד געוואָרן בלינד און זעט ניט מער, וואָס טוט זיך,
צי ס'האָט אן אומרו איר די אויגן אויסגעשטאָכן,
פאַרזעט זי יענע סטעזשקעלעך, וואָס יאָגן זיך צו מיר,
מיט אײַנגעגלייבטער טרײַשאַפט, וואָס האָט גאָר ניט קיין שיר.
בין איך ארויס צו דעם וועלדל און האָב צווײַגלעך אָנגעבראָכן,
פון ווערבעס און פון קליאָנען איך האָב א בריקל אויסגעפלאָכטן
און אויסגעבעט א דורכגאנג — אן ארײַנגאנג צו מײַן טיר,
ווארט איך, דו זאָלסט קומען מיט דײַן ערלעכקײַט צו מיר.
ווי נאָענט איז דאָס הארץ מײַנס, און ווי ווײַט בין איך פון דיר.

* * *

מיך שרעקט ניט דער פויגל פון אומעט,
וואָס זעצט זיך אוועק אַף מײַן אקסל און שווײַגט,
מיך ערגערט דאָס פאָכען פון פליגלען, וואָס טומלען,
און זשומען און הוידען זיך לאַנג
אַף מײַן שווערער צעוואַקסענער צווײַג.
נאָר פונקט ווי איך האָב ניט פאַרבעטן אים קומען,
אַזוי וועל איך איצט אים ניט זאָגן: פאַרבלײַב!
שווער איז צו ברעכן פון פריידן מײַן ברייטע צעוואַקסענע
צווײַג.

* * *

גאנווע זיך, ניט הינטער מײַנע פּלײצעס,
אין באהעלטעניש דֵר זוך זיך ניט קײן שוץ,
די ערד האָט א זיקאָרן און יעדן פארגעדענקט זי,
װעמעס האָרץ איז לױטער, און בא װעמען ס'איז מיט שמוץ.

* * *

שטילע ווינטעלעך אויף פעלדער צאנקען און זיי שטארבן,
פון אן אנגעיאגטן שטורעם ווערן זיי דערשטיקט,
דעם אש פון זייער שטילקייט מיט די הענט וועל איך צונויפשארן
און ברענגען עס צו טראגן אין א זעקל צו מיין שטוב.
עפשער וועט פון אש נאך פון פארבליבענעם
זיך אופכאפן א ווינטל אומגעריכט,
עפשער וועט דאס ווינטעלע מיט הענטעלעך צעוויגן
דאס שמאלע מולטערל — מיין הענגענדיקע וויג?
און ווי מיין מאמע, אן א שטים, פלעג מיר אויסזינגען די ליד
פון ראזשינקעס און מאנדלען, פון ציגעלע דעם ווייסן,
וואס יאגט זיך מער ניט האנדלען,
נאר פון מי און פון הארעוואניע, ווערט דאס ציגעלע ניט מיד.
בא יעדערן אין הארצן, בין איך זיכער, איז פארבליבן
פון קינדהייט יענע סטרונעס,
די בענקשאפט נאך דער ליד
פון „ליולינקע, מיין קינד״.

* * *

נאָך וואָס באַדאַרפסטו פרעגן מיך —
אווועלכע שײַן איז פאַר מיר בעסער?
און אין וועלכער שײַן בין איך מערער אײַנגעליבט?
צי אין פינקלענדיקן פײַער פון שטערנדלעך פון דריבנע,
וואָס דעם גאַנצן הימל פאַרנעמען זיי קימאַט,
צי אין דער לעוואָנע־שײַן, וואָס קעלטערט דאָס געזיכט מיר,
און מײַן ליבע זי באַליכטיקט אף די לאָנקעס יעדער נאַכט,
צי עפשער גאָר די זונען־שײַן, וואָס שטראַלט אַזוי און בלענדעט,
ווען מיט בליענדיקן וואַרעם גייט זי האָדעווען די וועלדער.
פון יעדער ליכטיקײַט איך האָב האַנאָע,
ווײַל זייער לאַנג איך האָב געבענקט נאָך איר.
נאָך יענער שטערנדיקער ווײַסקײַט, וואָס באַצויבערט די נעשאָמע
און באַשײַנט מיר אַלע וועגן ביז גרויסן אידערפרי,
ביז די זון גרויסאַרטיק הייבט זיך אויף פון איר געלעגער,
און מיט שטראַלן זי דערוואַרעמט און דערמונטערט מײַן געמיט.
פון יעדער ליכטיקײַט אין לעבן איך האָב האַנאָע,
אין כיינעוודיקער שײַן בין איך פון קינדווײַז נאָך פאַרליבט.

* * *

בענק ניט נאָך מיר,
איך האָב ניט פאַרדינט, דו זאָלסט לײַדן פון בענקשאַפט,
ווײַל איך פונדערווײַטן לײַד ניט דערפון,
איז נעם און פאַרטרײַב אָט די שווערע געוווינשאַפט,
ניט בלײַבן פון איר זאָל קיין שפור.
כאָטש איך ווייס, אז ס'איז שווער דיר,
ווען דאָס האַרץ דײַנס פאַרבענקט זיך,
און איך בין פונווײַטן גלײַכגילטיק ביז גאָר,
איך וואָלט אונטערגעצונדן דײַן שווערע געוווינשאַפט,
האָב איך מוירע פאַרסמאַלען דײַנע צעפּאַטלטע האָר.

* * *

ווי בארזשעס שלעפּן זיך פּאמעלעך אין דער הייך,
געלאָדענע מיט קעלטן, טונקל־ווײַסע כמארעס,
עפּשער טראָגן זיי מיט זיך פון מײַדאַנעק נאָך דעם רויך,
פון אָפּגעברענטע הערצער דעם ווײ פון טאַטע־מאַמעס?
דעם געשריי פון קינדערלעך, וואָס גייען נאָך ניט אויס,
און מיט הענטעלעך זיי זוכן נאָך א מוטערלעכע שויס?
שטעל איך אָפּ אין הימל יענע פרירנדיקע כמארעס,
און איך פארהאלט זיי אף א ווײַלע לעבן מײַן אָנגעשנייטן הויז,
איך וועל קיין מאָלע זיי ניט מאכן, כ׳וועל ניט זאָגן אויך קײַן קאדעש,
כאָטש דער צאָרן אין מײַן הארצן לעשט ביז איצטער זיך ניט אויס.
פון מײַן גאָרטן וועל איך ברענגען דופטיק־לעבעדיקן לאַנדיש,
און אף יעדער אומעטיקער כמארע וועל איך ארופלייגן א רויז,
אז ווען די כמארע וועט אנטרינען, זאָלן אין הימל דאָרט פארבלײַבן
לעבעדיקע בלומען, וואָס זייער בליונג גייט ניט אויס.

צו מײַן בענקענדיק האַרץ

בײז איצט דערנער איך מײַן האַרץ
מיט זאַפט פון פאַרגאַנגענער גוטסקײַט,
איך קוויק זיך מיט דעם, וואָס געווען,
כאָטש מער וועט עס קײנמאָל ניט זײַן;
מיט האָפענונג טרײסט איך אלײן זיך,
אַז אלץ וועל איך ווידער געפינען,
ווי בינען געפינען די זיסקײַט פון בלומען
און טראָגן אין בינשטאָק אַרײַן.
אַזוי זאָגט מיר אונטער מײַן שטאַרקער זיקאָרן
און בויטעט מײַן רויִקן זײַן,
נאָר אָפּט דוכט מיר אויס,
אַז עפּשער אומזיסט איז מײַן טירכע,
גײ זוך צווישן וועלדער דעם נעכטיקן טאָג,
גײ זאַמל צונויף צעריסענע בלעטער פון ביכער,
וואָס דער ווינט האָט אַף טראַקטן פון לאַנג שוין צעווײט און
פאַריאָגט,
נאָר וואָס זאָל איך טאָן? ווען ס׳לאָזט מיך ניט לעבן
מײַן האַרץ, ניט באַנאַכט ניט באַטאָג,
וועל איך ניט שוינען מײַן מי.
פאַר וועמען זאָל איך זיך פאַרהיטן? נו זאָג?
איך וועל ווידער זיך לאָזן אַף זיכערע וועגן,
וואָס טאָפּטשען זיך קײנמאָל ניט אויס,
מיט אויגן, וואָס לעשן ניט אויס זײער שײַן.
קום, ברודער, מיט מיר, אינצווײען וועט גרינגער מיר זײַן

פֿאַרלאָזן דאָס אייגענע הויז, וואָס געהער ניט צו דיר,
הענג ניט אופֿעט קיין שלאָס,
מע דאַרף ניט קיין וואך באַ דער אייגענער טיר.
קום מיט מיר אָט אַהין, ווו אָפֿן עס איז דער אַרוף,
פֿונוואַנען געבראַכט האָב איך שטענדיק בינטעלעך שטראַלן פֿון
זון פֿאַר דער וועלט, צו איר שיינעם פֿאַרטאָג.
לעם דער דאָזיקער העלקייט שטעל אָפּ זיך מיט מיר,
הייב אוף דיינע אויגן, אויב ס'איז שווער דיר פֿאַרהייבן דעם קאָפּ,
ווּעסטו זען, ווי דער האַרבסט האָט צעשטעלט צווישן וועלדער
געפֿלאָכטענע בריקלעך פֿון צווייגיקע ריטלעך,
וואָס קוואַטשען און הוידען זיך הין און צוריק.
נאָר גיי און טראָג ניט קיין שרעק אין דיין אָפֿענעם בליק.
דאָס זיינען וועגן, וואָס פֿירן פֿאָרויס
צו נאָענטע פֿריידן פֿון וויטלעכן גליק.

דער צוקונפט אנטקעגן

נו, וואָס זאָל איך זאָגן
דעם יאָר דעם פאַרגאַנגענעם,
דעם יאָר, וואָס וועט קיינמאָל
ניט קערן זיך מער,
אַ דאַנק דיר פאַר פריידן,
פאַר פרייד ניט פאַרגאַנגענער,
און ליידן פאַרנעם,
נעם זיי צו פון דער ערד.
ווען דו וועסט אין האַלב־נאַכט
אַף שוועלן פאַרשנייטע,
באַגעגענען דאָס ניי־יאָר
מיט ליכט און מיט שיַין,
גיב איבער דאָס גליק אים,
די גוטסקייט די גרייטע,
אַז וואָס מער זאָל דאָס ניי־יאָר
נאָך ליכטיקער זיַין.
צעוויי און צעשיט
אַף די פעלדער דעם פיַין,
וואָס מיר האָט דאָס אַלט־יאָר געגעבן,
נאָר ווי שווער ס׳זאָל דער וועג מיר
אין צוקונפט ניט זיַין,
נאָר גיין וועל איך שטענדיק
דער צוקונפט אנטקעגן.

אינהאלט

I

אייגן לײַב און בלוט

דער וועג צום לעבן . . . 7
מײַן זיידע האָט געגלייבט . . . 10
„אז קיינער זאָל מײַן שלאָף ניט צעשטערן...‟ . . . 11
מיר דארפן ווײַט נאָך פאָרן . . . 12
איך הער אים . . . 13
איך דערמאָן זיך . . . 14
מײַן שכיינע דערציילט . . . 16
ניט קיין נאכטלעגער . . . 17
טעג מײַנע . . . 19
אף וועגלאָזע וועגן . . . 20
איך וויל נאָכאמאָל א יוגנט . . . 22

II

מילכאָמע און שאָלעם

א ליכטיקע . . . 27
מײַן פרײַנט דעם קאפיטאן . . . 28
בא דעם נאָמענלאָזן בערגל . . . 29
דעם אומגעקומענעם סאָלדאט . . . 30
בא דעם טאָפּאָל . . . 31
שראמען . . . 37
כ׳וועל אויסגלײַכן . . . 38
.קום מיט מיר . . . 39

III

מאכשאָוועס קומען אָן

„מאכשאָוועס קומען אָן..." 45
ווילן 46
„אויב דו גארסט צו וויסן..." 47
יאָרן שווימען 48
כ'האָב ליב א שטורעם 49
„אָט פליט ער, דער אָדלער..." 50
„פוסטריט כ'גיי נאָך..." 51
פארוואָס לעשט מען אויסעט זײַן ליכט... 52
„א ניט־דערברענטע ליכט..." 53
איך הער, ווי ס'זינגען מײַנע ביינער 54
פרייד און קלוגשאפט 55
„כ'האָב צעזעצט אלע שויבן..." 56
טרויער 57
„עס טרעפט, מײַן פרײַנט" 59
ווײַל שיין איז די וועלט 60
נעפלען 61
„וואָס גרעסער דײַן מיטלײַד..." 62
„איך האָב א הארץ..." 63
„וועסטו זען א שויב פארלאָשן..." 64
„ניט אלץ, וואָס בלישטשעט..." 66
„ווי נאָר די אויגן כ'עפן אוף..." 67
דער שוים פארגייט 68
„ריידן איז זילבער..." 69
דער צווילינג 70
„איך לייג זיך ניט קיין פײַגעלעך אין בוזעם" 71
„עס דארט און ס'קווארט דער בוים" 72

IV

נאָר מײַן ליבע גייט ניט אויס

מעטעאָר 75
אָט די ווײַסקײַט פון שניי 76
„ער האָט קיין ערשטע ליבע ניט געהאט" 78
„כאָטש מיר זײַנען שטענדיק צואמען..." 79
„זײַ געזונט, מײַן טרוים..." 80
„א ברונעם שעפט זיך אויס..." 81
א שמייכל 82
א טרער 83

„ניט קיין שטערן פאלט..." 84
„אָנגעצונדן האָט דער וואלד..." 85
„אין די שווארצאפלען דײַנע..." 86
אף דעם פאלוסטאנעק 87
„כ'וועל ניט אָפּשטעלן דײַן יאָגנדיקן שווינד" 88
פארטאָג 90

V

גיב א קוק, ווי שיין און ווי פּרעכטיק

אלטײַער בערג 93
זיך פארהאלטן 99
„ס'איז א קערנדל פארבליבן" 100
„פארשפּעטיקטע ווינטן" 101
„גיב א קוק, ווי שיין..." 102
א פּריליִנג־געוויסער 103
„וואָס ווײַטער איך גיי..." 104
„דאָס פאָלק זאָגט א ווערטל" 105
א שטראל 106
מײַן פרוכטבארע בייט 107
„אזויפיל פּניאָקעס..." 108
„די זון..." 109
„דערנער..." 110
„אף איין און דער זעלבער צווײַג" 111
א האָגל 112
בא ליטערע אָזערעס 113
„כוואליעס שפּארן..." 114
זאנגען 115
לעצטע בליִונג 116
„צווישן הארבסטיקע וועלדער..." 117
איך דריי זיך אום אף דער פלאטפאָרמע" 118
„ניט איין מאָל האָב איך שוין געברענט" 120
„האָט זיך אָפּגעשטעלט א בוים..." 121
„כ'הער זיך אײַן..." 122
כמארעס 123
„קומען עס וועט..." 124
א ווינטמיל 125
א ביסעלע שניי 126
„וויי, וויפל שניי..." 127
„נו, איז וואָס..." 128
„כ'בין נאָוואָס פון וועלדער..." 129
„קאָן דען דער הימל..." 130

„א שוואלב...” . . . 131
„ווען ס׳פאלט דער אָוונט...” . . . 132
פאלט א שטערן . . . 133
„די זון...” . . . 134

VI

מיט ריינעם געוויסן

מיט ליכטיקע אויגן . . . 137
„אָט שטייט דער שעקער...” . . . 138
„כ׳וועל ניט אָנבויגן מײַן קאָפּ” . . . 140
איך קאָן אים . . . 141
„די בלענדיקע שארף פון מײַן מעסער” . . . 143
„צי וועלן די לידער”... . . . 144
„וועמען איז בעסער” . . . 145
„צי איז די ערד געוואָרן בלינד...” . . . 147
„מיך שרעקט ניט דער פויגל...” . . . 148
„גאנווע זיך ניט הינטער מײַנע פלייצעס” . . . 149
„שטילע ווינטעלעך...” . . . 150
„נאָך וואָס באדאפסטו פרעגן מיך” . . . 151
„בענק ניט נאָך מיר” . . . 152
„ווי בארזשעס שלעפן זיך פאמעלעך...” . . . 153
צו מײַן בענקענדיק הארץ . . . 154
דער צוקונפט אנטקעגן . . . 156

Бухбиндер Иосиф Шмулевич

СВЕТЛЫМИ ГЛАЗАМИ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1975, 160 стр. План выпуска 1975 г. № 266. Художник *Е. Р. Скакальский.* Редактор *Г. А. Ременик.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *Р. Я. Соколова.* Корректор *Д. С. Грозовская.* Сдано в набор 25/IV 1975 г. Подписано к печати 12/IX 1975 г. Бумага 70×108¹/₃₂ № 1. Печ. л. 5(7). Уч.-изд. л. 4,07. Тираж 1500 экз. Заказ № 2439. Цена 46 коп. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13